STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01749

YEDEFROY

Walter Browne

Permanent preservation of this book was made possible
by Mrs. Julius Zulver
in memory of
Doris & Selma Zulver

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקס ר. ווילנער

פּרעזענטירט

יעדערמאן

ווי זי זוכט ליעבע

אין 5 געזענגע

פון וואָלטער בראון. איבערזעצט פון הענרי מ. גאַסטווירטה.
מוזיק איינשטודירט פון ה' י. ברוידי
מיט דער ערלויבניס פון הענרי וו. סאוויידזש.

אויפגעפיהרט, איינשטודירט און אויסגעשטאַטעט אין
דייוויד קעסלער סעקאָנד עוועניו טהעאַטער
פון הערר דייוויד קעסלער.

1911

ערשטעס געזאנג

(יעדעפרוי'ס וואָהנונג. רייך מעבלירט, אַ גרויסעס פענסטער לינקס, דערנעבען אין הינטערגרונד אַ שפּיעגעל, אין דער מיטטע שטיענען אַלעס פאַנטאַסטיש דעקאָרירט.)

(ניעמאַנד ערשיינט פון אונטער'ן פאָרהאַנג.)

ניעמאַנד. גוטע פריינדע, און דיא האָב איך נישט ווענינ,
וועלכע ליעבען מיך זעהר און זענען מיר אונטערטהעניג,
ערשטענס וויל איך פאָרשטעלען מיך פאַר אייך.
איך בין ניעמאַנד, אַ טרויעריגעס וועזען,
וועלכער דאָס שיקזאַל פון פרויען קען ריכטיג לעזען.
וייל ער זעהט אַלע פערבאָרגענע געדאַנקען גלייך.
וואָס דאַ וועט פאָרקומען היינט ביינאַכט,
פערגעסט ניט צו נעהמען אין אַנבעטראַכט
אַז יעדעפרוי איז אַן איינפאַכעס מעדכען געוועזען אַמאָל.
אויב פיעללייכט זיא וועט ווערען פערפיהרט,
אַליין וועט זיא ווערען דערפאַר שטראַפירט.
און ניעמאַנד וועט וויסען איהרע ליידען אָהן צאָהל.
איך בעט אייך געדולדיג צו זעהן וואָס דאַ וועט פאַסירען;
זאָל ניעמאַנד איבער אייער אורטהייל רעגיערען,
וייל ניעמאַנד ווייסט וואָס איז שעהן און גערעכט.
וועט דאָס אייך בעליידיגען, בעשולדיגט דאַן מיך;
וועט עס געפעלען פערזיכער אייך איך
אַז ניעמאַנד קימערט זיך אויב עס איז גוט אָדער שלעכט. (פאָרהאַנג העבט זיך אויף. ער שטעלט זיך אין אַ ווינקעל).

(יוגענד, שעהנהייט און אונשולד זינגען. קאָהר טאַנצט לינקס.)

געבאָרען פון זאַנגענשטראַהל'ס לויטערקייט,
יוגענד, אונשולד און שעהנהייט,
דריי שעהנע מיידלעך וויא איהר זעהט,
יעדע שמעקט מיט זאַנגענשיין.
געפלאָכטען ביינאַנד אַלס ראָזען־קייט,
אונשולד יוגענד און שעהנהייט,
קושט איינע פון אונז אין דער ברייט,
וייל צו קושען איז זעהר פיין.

שעהנהייט איז נור צום קושען געמאַכט,
דאָס האָט קיין נאַרר אויסגעטראַכט.
צו קושען יוגענד איז אויך אַ פראַכט,
זאָל ניעמאַנד זיין דערביי.
און טראָץ דעם אַלעם וואַג עס ניט,
ווען זאָגאַר ניעמאַנד איז אין דער מיטט.

ווייל אונשולד אנטלויפט מיט שנעלע שריטט,
דיא שענסטע פון אונז אַלע דריי.

דריי דומע מיידלעך שעהנע זעהט,
אונשולד, יוגענד און שעהנהייט,
אַבוואָהל נאָר דיענסטען, איהר פערשטעהט,
יעדעפרוי פאָלגט אונז פאָרט,
ווען זיא געהט שלאָפען יעדע נאַכט,
אויך אין פריהמאָרגען ווען זיא ערוואַכט
עמפּפאַנגט זיא אונז אַלע מיט גלאַץ און פּראַכט.
יעדעפרוי דאַרף אונז דאָרט.

ניעמאַנד. יוגענד, שעהנהייט, אונשולד, איך בעט אייך הערט אויף, מיט אייער זינגען און אייער טאַנצען. עס איז וואַהר אַז יעדעפרוי דאַרף אייך. עס איז וואַהר, אייער דאַזיין מאַכט פרעהליך דיעזע היים איהרע, אַבוואָהל איך, ניעמאַנד בעלעסטיג זיא יעדע נאַכט מיט מיין אַנוועזענהייט ווען זיא איז אַליין.

אַבער איהר האָט דאָך פיעל טיעפערע מיסיאָנען וויא אַזוי צו טאַנצען: בעדיענונג פיר יעדעפרוי. יוגענד, וואָס ברענגסטו?

יוגענד. איך ברענג יעדעפרוי גליקזעליגקייט.

ניעמאַנד. גליקזעליגקייט! באַה! דו ברענגסט נאַררישקייט, יוגענד. און מען דאַרף דיר אָנטהון אַ מיצעל מיט גלעקלעך. שעהנהייט וואָס ברענגסטו?

שעהנהייט. איך ברענג איהר בעוואונדערונג, פערעהרונג, פריידע.

ניעמאַנד. נישט וואַהר! דו ברענגסט פון איהר אייגענעם געשלעכט, נייד, האַסס פיר יעדעפרוי. און אונשולד, וואָס איז דיין מיסיאָן, אונשולד?

אונשולד. דיא וואַרהייט געזאָגט איך וויים נישט, איך בין געקומען מיט יוגענד און שעהנהייט.

ניעמאַנד. קלאַממער דיך פעסט צו זייערע קליידער, זאָנסט קענען זיי זיך נאָך אויסגליטשען פון דיינע הענד, פּאַסס אויף! טרויע ניעמאַנד!

אונשולד. געוויס, געוויס.

ניעמאַנד. דיא נאַכט איז פערשוואונדען און יעדעפרוי, ערוואַכענד פון איהר דרעמעל בעלייכטעט זיא אַ ווינקעל וועלכעס איז פריהער געווען דונקעל.

(יעדעפרוי לאַכט דרויסען).

הערט! אַזוי וויא דאָס געזאַנג פון דער לערכע רופט אויס דעם אָנקומענדען טאָג, אַזוי ערוועקט יעדעפרוי'ס געלעכטער זאָנענשיין, וואָלט איך נישט געווען ניעמאַנד, וואָלטען איהרע פרעהליכע טענער מיט ענטציקונג דורכ־נעדרונגען מיין זעעלע.

(יעדעפרוי ערשיינט אויף שטיעגען, ווייס גריכיש געקליידעט, האָאר צולאָזען, וואַרפט קושען דורך דער טהיר).

יעדעפרוי. לעבט וואָהל, איהר זיסע ענגלען פון טרוימענלאַנד, לעבט מיר וואָהל!

יוגענד, שעהנהייט, אונשולד, איך בעט אייך, הערט אויף מיט אייער זינגען און אייער טאַנצען.



לעבט וואָהל, איהר זיסע ענגלען פון טרוימענלאַנד, לעבט מיר וואָהל!

ווען עס ווערט טאג, זעהט, יעדעפרוי לאכט פון אייך, אין מיינע טרוימען האב איך געמיינט איך בין א בלום, און דאן באלד בין איך געווען א שטערען, צו וועלכען מענער האבען זיך געבוקט מיט פערגעטערונג, דאן ווידער האב איך געמיינט אז איך בין א קעניגין. דער אנקומענדער טאג האט נאך בראווערע געשיכטען צו ערצעהלען, ווייל, זעה! איך בין א פרוי, און צו זיין א פרוי מיינט בלומע, שטערן, קעניגין — און מעהר, פיעל מעהער אויסער דעם. (זעהט דיא מיידלעך וועלכע נייגען זיך). הא! דא זענט איהר!

(קומט ארונטער) ווילקאממען, זיסע פריינדינען מיינע, זעהר ליעבליך גריסט איך יעדעפרוי. דו זיסע יוגענד, ווען איך האב צום ערשטען מאל בעגעגענט ביי מיין מוטערס קניע, (נעהמט איהר האנד) דו ווייסט, מען זאגט

איך האב דיך גע'גנב'עט פון איהר. און דארום איז זי געווארען גרוי?

יוגענד. ניין, יעדעפרוי, זיי גערעכט צו דיר אליין. דיין מוטער האט גוט געהייראטעט און זיא האט געהאט קינדער, וואס נאך האט זי געדארפט יוגענד?

יעדעפרוי. אבער ווערסטו מיך ניט פערלאססען, זיסע יוגענד? אויך נישט דו, מיין שעהנהייט? (נעהמט שעהנהייטס האנד) וואלט איך זיך נישט געשראקען אז איך וועל זייביידע בעליידיגען, וואלט איך גערופען שעהנהייט יעדעפרוי'ס בעסטע פריינדין טראץ דעם וואס מאנכע דענקען אז דו ביזט נישט לאנג דויערנד. (צו אונשולד) אונשולד, קום אהער, (נעהמט איהר האנד) ניין, לאז ניט אראב דיין קאפ, דו ביזט ווילקאממען, אבוואהל דו ביזט צופעלליג צו מיר געקומען שפעטער פון דיינע פריינדינען. ווען ביזטו געבווירען געווארען, זיסע אונשולד?

אונשולד. דיא ווארהייט געזאגט, איז ווייס נישט; ווען אדער פון וואנען איך בין געקומען קען איך נישט זאגען, ניעמאנד ווייסט!

יעדעפרוי. ניעמאנד? דער קערל ווידער דא? זעה נאר וויא ער קעהרט זיך אב, אזי וויא ער וויל אונז פערשטעללען פון זיינע אויגען (ערנסט) איך האס ניעמאנד!

אונשולד. אבער ווארום?

יעדעפרוי. ששש! איך וועל אייך זאגען א געהיימניס (נעהמט זיי ארום זיך) ניעמאנד איז פערליעבט אין מיר!

שעהנהייט (ערשראקען). אה! דאס איז ווירקליך שרעקליך!

יוגענד. בעדענק דיך נור, ווען ניעמאנד זאל דיך הייראטען!

יעדעפרוי. איך שווער אייך, דאס וואלט געווען געגען מיין וויללען. אין דער ווארהייט דענק איך, אז אזוי לאנג וויא איך האב אייך, מיין יוגענד און שעהנהייט, (נעהמט ארום יעדע פון זיי מיט האנד) וועל איך זיכער קענען אויסמיידען אזא שרעקליכען שיקזאל, און דאך פיהל איך מיך אונגליקליך ווען ניעמאנד איז נעבען מיר.

יוגענד. און איך אויך.

שעהנהייט. און איך אויך!

אונשולד. איך פיהל מיך זיכער מיט איהם.

יעדעפרוי. דו האָסט רעכט, אונשולד איז זיכער מיט ניעמאַנד, און דאָך ווען ניעמאַנד איז דאָ צו וואָס דאַרף יעדעפרוי אונשולד?

אונשולד. דאַן בעט איך דיך, הייס איהם אַוועקגעהן.

יעדעפרוי. יאַ, איך וועל עס טהון. (צו ניעמאַנד) דאָס, מיין הערר, איז יעדעפרוי׳ס היים, אין וועלכע ניעמאַנד וואַגט אַריינצוקומען אונגעלאַדען, ניעמאַנד שטערט אונז דאָ. (צייגט צום פענסטער) געה!

ניעמאַנד (קומט צו טראַגיש). יעדעפרוי! (די מיידלעך צולויפען זיך מיט אַ קוויטש) עס וועט קומען אַ צייט ווען דו וועסט זיין פערלאַסען פון יוגענד, פערשטויסען פון שעהנהייט און פון אונשולד פערגעסען, דאַן וועסטו וויסען אַז ניעמאַנד איז דיין פריינד, עס וועט זיכער קומען אַ צייט ווען דו וועסט זיין מיעד און פערמאַרטערט פון וועלטליכע זאָרגען, דאַן וועסטו ניעמאַנד ליעבען. דיר וועט קומען אַ צייט ווען דו וועסט שרייען נאָך הילפע, נאָך רוהע, ניעמאַנד וועט קומען, ווען אויף דיעזער ברוסט וועט דיין צו־וועהטאָגטער קאָפּ רוהען, וועט ניעמאַנד דיינע טרערען אַבווישען.

מיידלעך. אַה!

ניעמאַנד (ווענדעט זיך צו יוגענד). דו, יוגענד, דיינע קושען וועלען פערליערען זייער געשמאַק. היט דיך פאַר צייט! (צו שעהנהייט) שעהנ־הייט, דיינע באַקען וועלען פערוועלקען, ווען ראָזענבלעטער פאַללען. (צו אונשולד) אונשולד, מערדער ליעגען און וואַרטען אויף דיר. (געהט אַרויס) געדענקט, ניעמאַנד האט אייך געוואָרנט, ניעמאַנד האט געשפּראָכען. זייט זיכער עס איז וואהר! (אַב.)

יעדעפרוי. באַה! אַ דורכגעטריעבענער לומפּ, דער מאַן! זיינע דראָהונגען זיינען לעכערליך. איך דענק, איך האָב געדאַרפט געברויכען אַ פרוי׳ס וואָפּע אויף זיין שפּאָטענדען געזיכט, ווען נישט דו, מיין אונשולד, דו האָסט מיך צוריקגעהאַלטען.

יוגענד. מיינע קושען וועלען פערליערען זייער געשמאַק! אַזעלכע דומהייטען!

שעהנהייט. מיינע באַקען וועלען פערוועלקען! איך שעהם מיך גאָר צו דענקען דערפון.

אונשולד. אַ פעררעטהערישער טויט פאַר מיר! וויא מיידעט מען דאָס אויס?

יעדעפרוי. איך דענק דו האָסט געדאַרפט אָנטהון אַ פּאַנצער, אונשולד, אונטער דיין קלייד, וועלכעס מיט דיא קרייזלעך און פעלבלעך פּאַסט גאָר נישט צו דיין נאַטור. זעה נאָר, דו ביזט דאָך געקליידעט מיט דעם זעלבען פּראַכט און גלאַנץ וויא דיינע פרעהליכע פריינדינען. פוי, פריילייין אונשולד! (לאַכט, געהט צום שפּינראַד).

אונשולד (בעהאַלט איהר געזיכט אויף שעהנהייטס ברוסט). איך ברען מיט שאַנדע.

שעהנהייט. ניין, יעדעפרוי, מיר שיינט דו בעליידיגט אונזער שוועסטער אונשולד אונגערעכט. וואַרום זאָל זיא טרויערען. זאָל זיא געהן אין זאַק־קליידער, אָדער טראָגען אַ פּאַנצער?

יוגענד. שעהנהייט האָט רעכט, וואַהרע אונשולד, בעוואָפּענט מיט

ניעמאַנד האָט געשפּראָכען, זייט זיכער עס איז וואהר.

רײנהײט דאַרף נישט זײן געקינצעלט און געפּוצט. (געהט צו יעדעפרוי) און דו, יעדעפרוי, אויב דו ווילסט גליקליך זײן, זאָל דיא לוסטיגע יוגענד דיך פיהרען. דאָרט איז דײן שפּיעגעל, איך בעט דיך, קוק אין איהם.

אונשולד (פערשטעלט איהר דעם וועג). נײן, יעדעפרוי, אונשולד הײסט דיר װײכען פון אַ שפּיעגעל, וויא דו װאָלסט געװײכט פון אַ פּעסט.

יעדעפרוי. אַ פּעסט, זאָגסטו, פרײלײן אונשולד? איך וויל אַז דו זאָלסט וויסען: איך שרעק מיך ניט צו קוקען אויף מיר אַלײן. קומט, יוגענד און שעהנהײט, מיר וועלען ענדליך קוקען אויף אונזער שעהנע אבשטראהלונגען אין דעם גלאָז. ווען יעדעפרוי האָט אַזעלכע זיסע פרײנדינען דאַן איז דער שפּיעגעל איהר בעסטער און נאָבעלסטער פרײנד. (זײ געהען צום שפּיעגעל פּאַזירען) װאָס זאָגט איהר מײנע טהײערע? װאָס דענקט איהר אויף מײן פיגור?

יוגענד. געטליך!

יעדעפרוי. דיעזע פּאָזע, אָדער דיא — װעלכע פּאַסט מיר אַם בעסטען?

שעהנהײט. ווען בײדע זײנען פּאַלקאָמען, וויא קען מען וועהלען?

יעדעפרוי. און װאָס איז װעגען מײן געזיכט?

יוגענד. דאָס װאָלט ערװעקט נײד בײ אַן ענגעל.

יעדעפרוי. דאַן מײנע האָאַר?

שעהנהײט. וויא פעדים פון פּאָלירטעס גאָלד.

יעדעפרוי. וויא געפעלען דיר מײנע אויגען?

יוגענד. צווײ טײכען פון ליעבליכקײט.

יעדעפרוי. פוי. יוגענד! אבער זעהט נאָר! קוקט נאָר אין שפּיעגעל נאָך אַמאָל, װאָס פאַר אַ װאונדערבאַרע ערשײנונג איז דאָס? אַ פרעמדער!

(דיא איבערפלעכע פון שפּיעגעל װערט פערענדערט, מען זעהט אינ־װעניג אין דער פרײם שטעהן שמײכעלײ זעהר שעהן געקלײדעט.)

(שעהנהײט און יוגענד קלאַממערן זיך אין יעדעפרוי, אונשולד הינטער איהר, בעדעקט איהר ברוסט מיט אַ שאַל.)

שמײכעלײ (פערנײגט זיך טיעף). קײן פרעמדער בין איך, ווען איך בין ניט טהעטיג אין דיענסט בײ מײן הערר און מײסטער, קעניג ליעבע דער ערשטער, דאַן אין דעם צויבער פון אַ יונגפרוי׳ס שפּיעגעל מאַך איך מײן הײם.

יעדעפרוי. װער ביזטו?

שמײכעלײ. מײן נאָמען איז שמײכעלײ.

אונשולד. אָה, יעדעפרוי איך בעט דיך, הער דיך ניט צו צו דעם מאַן. װײל אָבװאָהל זײן צונג איז זיס, זײן האַרץ איז פאַלש.

יעדעפרוי. שטיל, נו נאַרר! (פערנײגט זיך) הערר שמײכעלײ, װאָס פערלאַנגסטו פון מיר? און װאָרום גראַדע מײן שפּיעגעל, ליעבער וויא אירגענד אַן אנדערען, האָסטו געוואָגט צו בעזוכען?

שמײכעלײ. פרעג בײ יוגענד און שעהנהײט.

יוגענד. נײן, איך שווער, איך קען ניט שמײכעלײ.

שעהנהײט. איך אויך נישט, װירקליך נישט.

שמייכעליי. איך בין געקומען אַלס געזאַנדטער פון קעניג ליעבע דעם ערשטען, איין מעכטיגער מאָנאַרך, וועמענס קראַפט איז שטאַרקער פון דיא אירדישע רעגיערער, און דאָס זיינען דיא ווערטער וואָס ער האָט מיר געהייסען ברענגען: „צו יעדעפרוי געה, דו שמייכעליי — זאָגט ער — און זאָג איהר: „זיא זאָל מיך זוכען וואו איהרע געדאַנקען אָדער איהר קאַפּריז ווילען איהר „זאָגען אַז דאָרט בין איך בעהאַלטען. איהר זאָלסטו דאַן ערצעהלען וויא „ליעבע דער ערשטער פערלאַנגט אַז זיא זאָל קומען אין זיין הערליכע „וואָהנונג, אום זיא זאָל דאָרט רעגיערען אַלס קעניגין פיר אימער און עוויג.“ ליעבע ערוואַרטעט דיך, יעדעפרוי, ער וויל דו זאָלסט זיצען ביי זיין זייט אויף זיין בעגילדעטען טהראָן, וואָהנען מיט איהם, אַ קרוין פון גליק אויף דיין קאָפּ. ליעבע בענגט נאָך דיר, יעדעפרוי, דאָרום געה ארויס אין דער וועלט אַריין און זוך איהם, זוך דיין קעניג, זוך איבעראַל, ווייל איבעראַל איז זיין טהראָן ערהויבען, גרויס איז זיין קעניגרייך — אָבער היט דיך! ליעבע׳ס וועגען זיינען זאָנדערבאַר. ער רייזט אינקאָגניטאָ. (דיא ערשיינונג פאַנגט אָן צו פערשווינדען) און יעצט לעבע וואָהל! דיין שפּיעגעל זאָגט דיר דיא וואַרהייט, ליעב וואַרט, ערוואַרטעט יעדעפרוי, זוך איהם, לעב מיר וואָהל! (פערשווינדעט).

(דער שפּיעגעל שטראַהלט וויעדער אָב דיא געשטאַלטען פון דיא מיידלעך.)

יעדעפרוי. ליעבע ערוואַרטעט מיך. אָה, זעהט! ליעבע פריינדינען מיינע! (ביים שפּיעגעל) בין איך ניט שעהן? דער שפּיעגעל זאָגט מיר אַזוי, אָבוואָהל שמייכעליי איז פערשוואונדען. ליעבע וויל מיך מאַכען פאַר אַ קעניגין, און זאָל איך לאָזען זיינע מאַיעסטעט וואַרטען? ניין. איך וועל געהאָרכען זיין געזאַנדטען, איך וועל איהם זוכען.

אונשולד. איך בעט דיך, יעדעפרוי, פאָלג ניט דיא בעטריגערייען פון שמייכעליי. האָסטו נישט געהערט אַז שמייכעליי איז פאַלש — אַ ווערקצייג ביי פערפיהרער.

יעדעפרוי. הער אויף צו פּלוידערען, אונשולד. וואָס ווייסטו פון ליעבע? איך זאָג דיר איך וועל געהן. קומט יוגענד און שעהנהייט, איהר וועט זיין מיינע בעגלייטערינס ביי מיין זוכען. (אומאַרעמט זיי.)

אונשולד. אָה! הערצין מיינע, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס דו האָסט דיך אָבגעקעהרט פון מיר.

יעדעפרוי. פערצייהע מיר, אונשולד, פאַר איין מאָמענט האָב איך פערגעסען וויא געטריי און וויא זיס דיין פריינדשאַפט איז מיר געווען. (בויגט זיך צו קושט זיא) זיי נישט טרויעריג, איך וועל דיך זיכער מיטנעהמען אויף מיין רייזע. אבער יעדעפרוי מוז געהאָרכען ווען ליעבע בעפעהלט.

שעהנהייט. און וואו ווילען מיר זוכען דעם שטאַרקען מאָנאַרך?

יעדעפרוי. אָה, ווירקליך וואו?

יוגענד. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ליעבע איז אַם לייכטסטען צו געפינען אין דיא טהעאַטערע פון דיא גרויסע שטעדט.

אונשולד. יוגענד, דו ביזט נאַרריש.

יוגענד. ניין, איך מיין עס אין דער וואַרהייט, איך האָב עס געהערט זאָגען אַז ליעבע ווערט ווירקליך געמאַכט פון דיא שווישפּיעלער, זיי מאַכען עס פון איינפאַך גאַרנישט, מיט אַזאַ צויבערשפּרוך, אַזוי וויא דיא שוואַרצ־קינצלער רופען אַרויס גייסטער מיט אייניגע וואונדערבאַרע ווערטער.

יעדעפרוי (זעהר פעראינטערעסירט). איז דאָס וואהר? זיסע יוגענד, פון וואַנען ווייסטו דיעזע וואונדערבאַרע זאַכען?

שעהנהייט. פערלאָז דיך אויף יוגענד, ווען מען רעדט פון ליעבע וועט זיא זיך גוט צוהערען און קיין וואָרט פערליערען.

יעדעפרוי. אָה! אָבער מיינט מען דאָס ליעבע דעם קעניג?

אונשולד. ניין, יעדעפרוי, ווייסטו דען נישט אַז עס זיינען דאָ פיעלע וואָס פּרעטענדירען צו זיין בערעכטיגט צו זיין טהראָן?

יעדעפרוי. פיעלע וואָס זיינען נייגעריג צו טהיילען דעם טהראָן מיט איהם, גלויב איך. דיא יעניגע וועמען ער ליעבט אַמוועניגסטען דיא פּער־ליימדען איהם. איך בין געזעסען דאָרט אין גאָרטען אין אָבענדצייט פער־טיעפט אין אַ בוך פון קינדער־געשיכטען. „דאָס קעניגרייך פון ליעבע“ האָט דאָס בוך געהייסען. און אַזוי וויא פּערזונקען אין אַ טרוים האָב איך געלעזען, און אַזוי אונוויללענדיג האָב איך מיט מיין פוס געוואָרפען שטיינדלעך אין ברונען, אַ העקסע איז ערשיענען.

מיידלעך. אַ העקסע!

יעדעפרוי. זיא האָט געמוזט זיין אַ העקסע, ווייל זיא האָט געהינקען, אויף קוליעס, און האָט געזאָגט שלעכטע זאַכען.

וגענד. וואָס האָט זיא געזאָגט?

שעהנהייט. איך בעט דיך, זאָג אונז, זאָג.

יעדעפרוי. „איך בין יעדעפרוי׳ס פערנאַכלעסיגטער נאַכבאַר“, האָט זיא געזאָגט, „מיין נאָמען איז וואַרהייט“.

אונשולד. מען זאָגט וואַרהייט וואָהנט אין אַ ברונען. דיינע לייכט־זיניגע שטיינדלעך האָבען זיא בייז געמאַכט.

יעדעפרוי. זיא האָט מיך בעז געמאַכט. זיא האָט געוואַגט צו שפּאָטען פון „ליעבע׳ס קעניגרייך“, האָט געוואַגט צו זאָגען אַז דיא הערצער פון יונג־פרויען ווערען אָפט צערבראָכען זוכענדיג יענע פערדעטהערישע ברעגען.

אונשולד. מען זאָגט אַז וואַרהייט איז אַ בעריהמטע וואָהרזאָגערין.

יעדעפרוי. יאַ, יאַ, איך האָב געהערט אַז מען דאַרף נאָר אַריינקוקען אין דיא טיעפעניש פון איהר ברונען און מען קען באַלד זעהן אַלע זאָרטען זאָנדערבאַרע זאַכען. אָה, וועט דאָס זיין שפּאַס! קומט, לאָמיר זיך בעראַטהען מיט וואַרהייט.

יוגענד. אָה, איך האָב מורא עס וועט זיין צו שפּעט. ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען, שעהנהייט און איך, דורך דיין גאַרטען האָבען מיר געהערט וויא וואַרהייט האָט זיך בעקלאָגט, אַז איהר ברונען איז אויסגעטריקענט געוואָרען.

שעהנהייט. „נישטאָ קיין היים פאַר וואַרהייט היינטיגע צייטען,“ האָט זיא געקרעכצט, „איך בין אַ פערשטויסענע!“

יעדעפרוי. פּסט! איך וועל אייך דערצעהלען אַ געהיימניס. אונ־

שולד, פערשטאָפּ דיר דיינע אויערען, ווייל איך שווער דיר אז וואס איך געיעצט ערצעהלען איז א סקאנדאל.

יוגענד און שעהנהייט. יא, יא, ערצעהל, ערצעהל!

יעדעפרוי. ווייסט איהר נישט אז ווארהייט וואהנט מיט ניעמאנד?

יוגענד. וויא שרעקליך!

שעהנהייט. דאן לאָמיר זיא זוכען אין זיין וואהנונג.

אונשולד. פוי! איך גלויב דאס נישט. אָה, יעדעפרוי, לאז אונז דיא וואהנזיניגע רייזע צו זוכען ליעבע, עס איז מעהר אנשטענדיג אז דו זאָלסט ווארטען ביז ער וועט קומען. בלייב אין דער היים מיט מיר, אויב ער איז ווירקליך א קעניג און וויל דיך מאכען פאר זיין קעניגין, דאן וועט ער זיכער דיך געפינען.

יעדעפרוי. שטילל! דו האסט שוין גענוג געפּלוידערט. איך ליעב דיך, אונשולד, אָבער אויב איך וועל הייראטהען א קעניג, דאן ווייס איך נשט אויב איך וועל דיך דאן דארפען. יוגענד, דו זאָלסט זיין מיין וועגווייזער, אין שטאדט אריין וועלען מיר געהן.

אונשולד. דו ווילסט פערלאסען דיין אונשולד?

יעדעפרוי. גאָט בעהיט! ניין! דו וועסט אויך מיטגעהן, אויב דו שרעקסט דיך ניט. מיר וועלען זוכען אין דיא טהעאטערע, דארט וועלען יוגענד און שעהנהייט געווים זיין ווילקאָמען. און אונשולד, מיר וועלען פּראָבירען דיך אריינצושמוגלען מיט אונז. מיט אזעלכע בעגלייטער וועט יעדעפרוי מוזען געפינען דעם קעניג ליעבע דעם ערשטען. גוט, לאָמיר געהן! (געהט פאַראויס.)

(ניעמאנד ערשיינט אויפ'ן וועג, האלט דיא הענד אין דער הויך, לאָזט זיי נישט געהען.)

ניעמאנד. ווארט, יעדעפרוי! דו לויפסט צו דיין טויט, איך אליין קען דיך רעטען.

יעדעפרוי. דו האסט קיין מאכט. דו ביזט ניעמאנד, לאז מיך דורכגעהן.

ניעמאנד. ווארט איין אויגענבליק. (רופט) ווארהייט! ווארהייט! קום אהער!

(ווארהייט הינקט אריין ביים פענסטער, אויף קוליעס, טראגט א קאנטשיק מיט 9 רימענס.)

רעד ווארהייט!

ווארהייט. יעדעפרוי, דו האסט דיך צוגעהערט צו שמייכעליי, ניעמאנד קען דיך רעטען, העהר דיך צו צו ווארהייט.

יעדעפרוי. ביזטו ווירקליך ווארהייט? איך האב נישט געוואוסט אז דו ביזט אזוי אלט און העסליך, און נאך אויף קוליעס אויך! קומט ווארהייט מיט א ניין רימענדיגער בייטש? וואס ווילסטו, מיך שמייסען?

ווארהייט. ניין, דער רימען פון ווארהייט איז פאר לײדען וואס מען ברענגט אליין אויף זיך, דעם קול וואלט איך נישט געדארפט ווען יוגענד און שעהנהייט וואלטען מיך אויפרעכט געהאלטען. (מיידלעך לאכען) הערט! יעדעפרוי זוכט ליעבע, ליעבע איז געבארען פון ווארהייט. איך האב א זוהן—

יעדעפרוי, דו האָסט דיך צוגעהערט צו שמייכעליי, ניעמאַנד קען דיך רעטען.

יעדעפרוי. א זוהן, דו? איז ער א קארליק? איינגעבוינגען! פער־קריפעלט! דאס הויקערדיגע און דאס פערקריפעלטע קינד פון א העקסע? ליעבע איז אקעניג, וויא א גאט איז ער אין זיין מענליכע פאלקאמענהייט. געה! ווען איך וועל דיך ברויכען וועל איך קומען צו דיר.

ווארהייט. דו וועסט קומען, און קומען אליין, פערשפאט ווארהייט יעצט. אבער היט דיך פאר דער צייט ווען דו וועסט זוכען שמייכעליי אין דיין שפיעגעל און געפינען בלויז ווארהייט. שמייכעליי האט דיך בעטראגען, דיך אבגענארט. דאס איז זיין קאפריז, זיך צו שפיעלען מיט יעדעפרוי'ס מאנגעל אין קלוגהייט. ווענדע דיך צו דיין שפיעגעל נאך איינמאל.

(שמייכעליי ערשיינט ווידער אין שפיעגעל.)

ווארהייט. זעה! שמייכעליי לאכט ווידער צו דיר. (יעדעפרוי דרעהט זיך אום צום שפיעגעל.)

שמייכעליי (אין שפיעגעל). ליעבע ערוווארטעט דיך, זוך דיין קעניג!

ווארהייט. יעצט קוק צו מיר, דו קענסט מיך יעצט נישט זעהן.

יעדעפרוי (קוקט אויף ווארהייט). ווירקליך, איך הער איהר שטימע, אבער זיא איז פערשוואונדען, וויא זאנדערבאר!

ווארהייט. נישט זאנדערבאר, אונפערמיידליך. ווען שמייכעליי ער־שיינט צו יעדעפרוי, איז צו איהר ווארהייט אונזיכטבאר, אבער ווארהייט איז שטארק, געדולדיג, דויערהאפט און בארמהערציג, נאך מעהר וויא בארמ־הערציג. צו דיא, וועלכע, אין זייער בעטריבטהייט, ווענדען זיך צו איהר. ווארהייט איז דיא איינציגע טרייסט פאר דיא וואס זיינען מיעד פון דער וועלט. ווארהייט האט געשפראכען. דו וועסט הערען איהר שטימע נאך אמאל. איך בעט דיך, יעדעפרוי, זעה אז עס זאל נישט זיין צו שפעט. (ביים פענסטער) ווילסטו געהן מיט מיר?

יעדעפרוי (צעגערענד). יא, יא, איך...

שמייכעליי. ליעבע ערווארטעט דיך.

ווארהייט (רופט זיא מיט דער האנד). יעדעפרוי, ווילסטו רעדען מיט ווארהייט?

יעדעפרוי. איך הער דיין שטימע, אבער איך זעה דיך נישט.

ווארהייט. יוגענד, שעהנהייט — ווער וויל נאכפאלגען ווארהייט? (אב דורכ'ן פענסטער).

אונשולד. איך! איך וויל— (וויל איהר נאכפאלגען.)

עדעפרוי (האלט זי צוריק). זיי נישט אזוי נארריש, ווארהייט איז א העקסע!

יוגענד (האלט אויך צוריק אונשולד). און זעהר אונאנגענעהם מאנכ־מאל...

ווארהייט (דרויסען). ווער וויל פאלגען ווארהייט? ווער ליעבט ווארהייט מעהר וויא שמייכעליי?

ניעמאנד (שניידענד). ניעמאנד! (אב נאך ווארהייט.)

יעדעפרוי. קומט, זיסע פריינדינען, צו וואס זאלען מיר זיך צוהערען צו דיא פלוידעריען פון א העקסע? שמייכעליי איז אזוי שעהן און האט אזא

שעהנע פיגור. (פערנייגט זיך צו שמייכעלײ) וויא דארף נאך זיין דער קעניג וועמען ער דיענט!

שמייכעליי. קעניג ליעב דער ערשטער ערוואַרטעט דיך.

יעדעפרוי. יא, יא, דאַן געהט יעדעפרוי זוכען ליעבע. יוגענד, גרייט מיר אָן מיין שעהנסטעס קלייד; דעם הוט וועלכער פּאַסט מיר אַם בעסטען. (יוגענד געהט אויף שטיעגען) אונשולד, רויב אוועק ביים גאָרטען בלומען פאַר אַ בוקעי. ניין? דאַן נעהם בלויז איין בלום פאַר מיינע האָאַר. שנעל! דער קעניג ערוואַרטעט.

(אונשולד געהט אין גאָרטען. וואַרהייט קומט פון פענסטער. ליעבע מיט איהר.)

וואַרהייט. זעה מיין זוהן, דו זעהסט יעדעפרוי!

ליעבע (אין אַ פּאָזע פון אַ פּאַטעטישע פערעהרונג און בעוואונדערונג). וויא זאַנפט זיא איז, וויא שעהן אָהן אַ גלייכען!

וואַרהייט. זיא בענגט נאָך ליעבע און ווייסט ניט אַז ער שטעהט נעבען איהר.

ליעבע. מוטער, דו ביזט דאָך דיא אַלמעכטיגע וואַרהייט, העב ארויף דעם פאָרהאַנג אַז זיא זאָל מיך קענען זעהן, זאָל זיא וויסען אַז איך בין ליעבע, און אַז מיין קעניגרייך, וועלכעס איז פיעל גרעסער פון אַלע וועלטען וועלכע שוועבען דורך דעם לעערען רוים, איז אין דיעזע אַרמען. לאָז מיך צודריקען יעדעפרוי צו מיין הערצען.

וואַרהייט. דו קענסט נישט!

ליעבע. איך בעט דיך, אַבוואָהל איך זעה אויס וויא אַן איינפאַכער לייב-וועכטער, מיט מיר וואָלט זיא געפונען פריעדען, צופריעדענהייט און גליק.

וואַרהייט. מיין זוהן, צו יעדעפרוי קען זיך ליעבע נישט אָפּענבאַרען. זיא, און נור זיא אַליין מוז געפינען ליעבע.

ליעבע. אָבער אַם ענדע וועט זיא זיין מיינע?

וואַרהייט. וואַרט, מיין זוהן, וואַרט מיט געדולד, יעדעפרוי רעדט!

יעדעפרוי. הערר שמייכעליי, ווילסטו מיין בעגייסטערטע זעעלע היני פיהרען,

פיהרען מיך דאָרטען וואו ליעבע מיך הערט?
וואו איז זיין פעסטונג, איך וויל זיא אַטאַקירען,
שטעהט זיין פּאַלאַסט אויף בעצויבערטער ערד?
מיט וואָס פאַר אַ צייכען קען איך איהם אונטערשיידען?
וואַרט ער אויף מיר דאָרט מיט הענד אויסגעשטרעקט?
שלאָפט ער פיעללייכט און מען דאַרף איהם אויסמיידען,
אָדער וועט ער ערוואַכען ווען אַ יונגפרוי איהם וועקט?
זעה וויא איך בייג מיין קאָפּ אונטערטהעניג.
פאַר דיא פרעהליכע ווערטער וואָס דו האָסט מיר געבראַכט.
יעצט בעט דיך יעדעפרוי, פיהר מיך צום קעניג,
צום קעניג ליעבע דעם ערשטען מיט דער געוואַלדיגער מאַכט.



יעדעפרוי וועלכע גיט זיך אונטער צו שמייכעלײַ איז פערלאָרען פאַר דיר, טרייע ליעבע.

(קניעט פאַר שמייכעליי וויא צו אַ געבעט.)

וואַרהייט. ליעבע, מיין זוהן, זעה! ביי שמייכעליי'ס פּוס קניעט זיא, דו ביזט צו שפּעט. זי איז פערלאָרען. יעדעפרוי וועלכע גיט זיך אונטער צו שמייכעליי איז פערלאָרען פאַר דיר, טרייע ליעבע.

פאָרהאַנג.

צווייטעס געזאַנג

אַ ביהנע פון גרויסשטעדטיגען טהעאַטער. פאַרמיטאַג. סצענעריען זענען אין אונאָרדנונג. אַ גרויסער שטיין אין דער מיט.

ניעמאַנד בלאָף (זיצט ביים טיש.)

ניעמאַנד. גוטע פריינדע, אייך וועט געוויס וואונדערען
מיך צו זעהן אין אַ שטאָדט-טהעאַטער אַזוי מאָדערן.
דאָס איז בלויז אום אייך צו ווייזען
דיא קאַריערע פון יעדעפרוי אין אַנדערע קרייזען.
איהר קריעגט דאָ אָבער אַ געלעגענהייט, מוזט איהר וויסען,
צו זעהן וואָס עס טהוט זיך הינטער דיא קוליסען.
אָבוואָהל „דיא וועלט איז אַ ביהנע", דאָך מוזט איהר נישט פערגעסען
אַז נישט אַ פאַרשטעלונג וועט איהר זעהן, וויא אַ פּופּע איז אַ פּרינצעסין.
יעצט איז פראָבע-צייט און דיא שוישפּיעלער זיינען יעצט
געוועהנליכע מענשען, און נישט דיא ראָללען אין וועלכע זיי ווערען אריינ-
געזעצט.
זייערע מאַסקען זיינען אַרונטער, זייערע געזיכטער נישט בעפאַרבט,
איהר וועט נישט זעהן וויא איינער שיסט און דער צווייטער שטאַרבט.
דאָך בעט איך: אורטהיילט צווישען זיי, פּאַסט אויף ווער זיי זיינען,
און אויב איהר טהוט עס נישט, ניעמאַנד וועט עס גלייך דערקענען. (אב.)

(סטאַף קומט מיט אויסגעשטרעקטע אַרמס.)

סטאַף. אָה בלאָף, מיין ברודער דירעקטאָר, וויא געהט עס דיר?

בלאָף. אָה, גוט! עס פרעהט מיך זעהר דיך צו זעהן ווען דיין געזיכט שמייכעלט אַזוי פרעהליך. (דריקען זיך דיא הענד.)

סטאַף. עס האָט שוין ניט גערעגענט ביינאַכט זייט אַ מאָנאַט, אונזערע קאַסע-קאַסטענס זיינען פול איבערפילט, אונזער ערפאָלג פערזיכערט. דארום, לאָמיר פערקלענערען אונזערע אויסגאַבען.

בלאָף. זעהר גוט געזאָגט, דו האָסט אַ זעלטענעם טאַלענט אַלס דירעקטאָר. אבער וויא זאָלען מיר אָנפאַנגען?

סטאַף. מיר האָבען אַנגאַזשירט פאַר אַ צו הויכען פּרייז אַ שקאַפּע צום שפּיעלען דיא הויפּטראָלען. יעדעפרוי קאָסט אונז צופיעל.

בלאָף. אבער יעדעפרוי איז אַ סטאַר.

סטאַף. יעדעפרוי דענקט אַז זיא איז עס. מיט דיין הילפע, בלאָף, איז זיא אַזוי הויך געשטיעגען. אָהן דעם...

בלאָף. ניין, סטאַף, אָבוואָהל איך מוז צוגעבען אז איך האָב פיעל געליטטען פאַר דעם פראָוינציאַלער, איהר שנעלעס ארויפשטייגען אָבער, האָט זיא צו פערדאַנקען אַ געוויסען שרייבער מיט'ן נאָמען פּאַף.

סטאַף. דער קערל האָט געמאַכט מעהר סטארס וויפיעל שטערען עס איז דאָ אין הימעל. נו, עס איז פיעללייכט ווירקליך נישט ראַטהזאַם אַנצו־פאַנגען מיט יעדעפרוי. וואָס איז וועגען אַמביציאָן?

בלאָף. זיא איז אַ גוטע שוישפּיעלערין.

סטאַף. מעגליך; אָבער צו פליסיג, צו ערנסט אום צו ווערען פּאָפּולער ביי דעם פערגניגען־זוכענדען פּובליקום. האָסטו בעמערקט וויא מאָגער זיא ווערט און וויא ארם געקליידעט זיא איז?

בלאָף. יאָ; זיא ציהט ניט קיין בעזוכער און דארום קריעגט זיא אַ קליינעם געהאַלט. איהר געהאַלט צו פערקלענערען וואָלט געוועזען וויא אראָב־צונעמען גאַרנישט פון גאַרנישט. מיר קענען פיעללייכט אראָבנעהמען פון דעם געהאַלט פון איינבילדונג.

סטאַף. איינבילדונג! וועלכער איז אימער פערטיג צו שפּיעלען יעדען שוישפּיעלערס ראָלע, ווען עס איז אַ נויטפאַל אָדער נישט? ניין, איינבילדונג איז זעהר ניצליך אין אַ טהעאַטער, מיר וועלען בעסער אָבהאַקען דיא קעפּ ביי דיא יעניגע אין קאָהר וועלכע געפעלען אונז נישט. וויא איז דיין ליסטע?

בלאָף. דאָ איז זיא. אָבער לאָמיר פריהער בעטראַכטען זייערע געזיכ־טער, דאַן ביים אויסרופען זייערע נעמען וועלען מיר קענען אויסריינינגען דיא שלעכטע. (שרייט הויך) ליכט! ליכט! ערשטער אַקט! קאָהר אָנפאַנגען!

(קאָהר־מעדכען שטעלען זיך אוים. בלאָף אין איין זייט, סטאַף אין דער אַנדערער.)

קאָהר — יוגענד און שעהנהייט שטעהען ביי זייטע, זינגען.

באַלד צוריק צום רעפּליק
קומט דער קאָהר אין אויגענבליק,
אַלע שעהן און זיי זעהן
יעדען צו געפעלען וויא זיי געהן.
יונג און שלוי, יונג און שלוי,
אַלט און גרוי, אַלט און גרוי,
צאָהלט אונז שנעל, צאָהלט אונז שנעל,
מיט זיין זעעל, מיט זיין זעעל
פאַר דעם שעהנעם שעהנעם, שעהנעם שעהנעם קאָהר.
נו זינגט, נו זינגט, זינגט־זשע אַלע טראַל־לאַ,
און לאַכט און לאַכט האַ! האַ! אַלע.
און טאַנצט און גלאַנצט און זייט נאָר אַלע מונטער,
און דאַן פיעללייכט, פיעללייכט וועט זיין געזונטער.
איך ווייס ניט וואָס מיר ליעגט פאָר,
דאָס לעבען איז זעהר קורץ ביים קאָהר;
איך ווייס ניט וואָס מיר ליעגט פאָר,
דאָס לעבען איז זעהר קורץ ביים קאָהר.

בלאָף. יעדע זאָל ענפערען ווען מען וועט אויסרופען איהר נאָמען. ווינק, שפּרינג, לאַף, שלוי, גריבעל, רונדעל, לאָק, געלעכטער, יוגענד, שעהנהייט, אונשולד.

(ביי יעדען נאָמען ענפערט אַ מיידעל: היער! אונשולד בלייבט שטיל.)

סטאף. אונשולד! אונשולד! וויא ביזטו?
שלוי (צו אונשולד). שרעק דיך נישט, דו נארעלע!
ווינק. גיב איהם אזא שלויען ווינק, אַט אזוי, נו!
בלאָף. וואָס שווייגט איהר? וויא איז אונשולד?

(שלוי און ווינק פיהרען צו אונשולד.)

שלוי און ווינק. דאָ איז זיא, מיינע העררען. (זיי בעטראַכטען זיא קריטיש מיט אויגענגלעזער.)

סטאף. הם... מיר שיינט דו ביזט דאָ אַ פרעמדע, וויא קומסטו אהער אין קאָהר?

אונשולד (שטאָלץ). איך בין אַ פריינדין פון יעדעפרוי. (מיידלעך לאַכען.)

בלאָף. אַ פריינדין פון יעדעפרוי! אַ שעהנע פעהיגקייט! איך גלויב אז זיא האָט דיך דאָ אהער געבראַכט. נישט וואהר?

אונשולד. יא.

סטאף. וויפיעל דיא סטארס ערלויבען זיך דאָס!

בלאָף. דו ביזט שעהן גענוג, אבער צופיעל געפּוצט. דאָ אין קאָהר איז קיין פּלאַץ פאַר דיר, געה!

אונשולד. ניין, איך בעט איך, לאָזט מיך בלייבען מיט יעדעפרוי.

סטאף. וואָס קענסטו טהון? קענסטו שפּיעלען ראָללען פון אַ יונגען־מאַן, אָנטהון הויזען מיט אַ וועסט?

אונשולד. אַך, ניין, ניין!

בלאָף. קענסטו טאַנצען אויף דיא שפּיצפינגער אין אַ באַללעט־קליידעל אין לייב־קאָליער?

אונשולד. ניין, ניין, דאָס נישט.

סטאף. קענסטו פיעללייכט אויפהעבען דיין פוס העכער פון דיין קאָפּ.

אונשולד. ניין, מיינע העררען, אבער איך קען זעהר שעהן זינגען.

בלאָף. זינגען אין קאָהר? באה! לעכערליך!

סטאף. קען יעמאנד דיעזעס פרויענצימער?

יוגענד (קומט פאָר). ערלויבט מיר מיינע העררען, אונשולד איז אימער געוועזען מיין בעסטע פריינדין. (אומאַרמט זיא.)

שעהנהייט. איך האָב זיא אויך געליעבט. אויב זיא געהט אוועק געה איך מיט. (אומאַרמט זיא.)

יוגענד. איך אויך.

בלאָף. וואָס איז דאָס, אַן אויפשטאַנד? אייערע נעמען, שנעל זאָגט אייערע נעמען.

יוגענד. איך בין יוגענד.
שעהנהייט. און איך שעהנהייט.

סטאַף. יוגענד און שעהנהייט, ניין, אייך מוזען מיר האָבען, וועניג־סטענס אין קאָהר, אייך דאַרפען מיר, אבער נישט אייער פריינדין, דאַרום מוזען מיר אייך מיט געוואַלט בערויבען פון אייער אונשולד. מיידלעך פיהרט זיא אַרויס. אַרוים מיט אונשולד!

(בלאַף כאַפּט יוגענד, סטאַף שעהנטהייט, מיידלעך נעהמען אונשולד פיהרען זיא אונטערן שטיין, וועך זיי צוגעהן זיך איז אונשולד מעהר נישטאָ.)

בלאַף (האַלט יוגענד וועלכע קעמפּפט און וויינט). ניין, זאָרג נישט, דו קליינע, וואָס דו האָסט פערלוירען דיין פערפוצטע פריינדין, דערפאַר וועלען מיר עסען אַ גוטען נאכמאהל, דו וועסט טרינקען די זיסעסטע געטראַנקען מיט דיא גרעסטע לייט פון שטאָדט, אָדער מיט אַזעלכע בעגילדעטע יונגע לייט, וועלכע וואָלטען נישט געוואָלט דולדען אַז אונשולד זאָל זיין דיין בעשיצערין.

סטאַף (האַלט שעהנהייט וועלכע קעמפּפט און וויינט). אין שנעלע אויטאָמאָבילס וועסטו דורכפליהען דיא מיטנאַכט־לופט, פיעל אנגענעהמער וויא ווען אונשולד זאָל זיין ביי דיין זייט. נו, וויש אָב דיינע טרערען און געה צו דיינע לוסטיגע פריינדינען. ווינק, גיב אָבאַכט אויף שעהנהייט.

בלאַף. שלוי, מיר גיבען איבער יוגענד צו דיר, דו זאָלסט אויף איהר אויפפּאַסען. מיידלעך, האַלט יוגענד און שעהנהייט ביי אייך און אייערע דירעקטאָרען וועלען מיט אייך זיין צופריעדען.

(מיידלעך נעהמען יוגענד און שעהנהייט צו זיך — זינגען:)

שנעלער לויפט, שעהנהייט קויפט,
זעהר בעטריעבט, נישט געליעבט,
זעהר בעטריעבט, נישט געליעבט,
דערמאָנט מיך ניט יעצט אין דעם.
ענדליך געהט דאָס קאָהר שוין אהיים. (אב)

(קאָהר אָב מיט יוגענד און שעהנהייט.)

בלאַף (רופט). דיא הויפּט שוישפּיעלער! וויא זענען אונזערע הויפּט־שוישפּיעלער?

סטאַף. יא, וויא זענען זיי?

בלאַף. העי, צייט! צייט! דו אַלטער שיק יונגע!

(צייט קומט לאַנגזאַם.)

אָה, דו ביזטו, אַלטער פאָטער צייט.

סטאַף. צייט האָט שוין אַרויסגערופען אַלע סאָרטען מאַסקירטע אום דורכצופיהרען דיא זאָנדערבאַרסטע סצענען אויף דער לעבענס־ביהנע. און ער האָט שוין אַראָבגעלאָזט פיעלע טראַגישע פאָרהענגע.

בלאַף. און ווען ער רופט מוזען אַלע פאָלגען. (צו צייט) געה געפין אַמביציאָן, וועק אויף ליידענשאַפט, רוף אַרוים יעדעפּרוי, רוף איינבילדונג. (צייט אב.) (צו סטאַף) מען זאָגט אַז צייט פליהט; אויף דער זייט פאַר־האַנג שיינט מיר אַז ער קריכט.

יוגענד און שעהנהייט, ניין. איין מוזען מיר האבען, וועניגסטענס אין קאהר.

סטאף. צום טייפעל מיט אונזערע שווישפיעלער! ליידענשאפט איז א גרויסער פוילענצער בעפאָר מיטאג. אמביציאָן איז קראנק און שלאָפט, איינבילדונג דרעהט זיך ארום אין גארדעראָב. יעדעפרוי האָט אַלע מאָל נייע קאפריזען, און לאכט זיך אויס פון פינקטליכקייט. קום, בלאָף, לאָמיר געהן עסען מיטאג.

בלאָף. יא, דו האָסט רעכט, דיא וואָס ווארטען אויף סטארס שטארבען פון הונגער, און איך בין הונגעריג, קום.

יעדעפרוי (דרויסען). רייכטהום, היים דעם שאָפער ווארטען. ביהנע ארייגגאנג? נישט איך! בין איך נישט א סטאר? מילאָרד דומהייט, דיר פערטרויע איך מיין הינטעלע. דיא ווייסט דאָך דאָס שפּריכוואָרט: „ליעב מיך, ליעב מיין הינטעל“.

בלאָף. דאָ קומט יעדעפרוי, אונזער סטאר.

סטאף. אונזער סטאר! ביי מיין עהרענוואָרט! זיא בלישטשעט נישט וויא א שטערען נאר זיא שיינט וויא א גאנצעס זאָנענסיסטעם.

יעדעפרוי (דרויסען). וואָס זאָגסטו, רייכטהום? דו ווילסט זעהן א ביהנע מיט דיא גאנצע ליכטיגע בעפוצונג, אויסגעשטעלט צו דעם אונבארמהערציגען טאָג-ליכט? נון, קום מיט. עס איז געגען דיא געזעצע, אבער יעדעפרוי האָט ליעב צו ברעכען דיא קאָנוועציאָנעלע געזעצע.

(יעדעפרוי רייך געקליידעט. רייכטהום רויכט א סיגאר. דומהייט טראָגט א הינטעלע. געוויסען בלייבט פון וויטען.)

סטאף. זאָ, יעדעפרוי, ענדליך ביזטו דאָ.

יעדעפרוי. העללאָ סטאף! העללאָ בלאָף! געוויסען! (זוכט זיא וויא איז מיין דיענסטמעדכען? וויא? דיא קריעגסט לאָמפענפיעבער זאָגאר ביי א פראָבע, דו קליינע? דאָס זענען בלויז דירעקטאָרען, זיי וועלען דיך נישט בייסען. (גיט איהר גלאָווס) נא, נעם מיינע האנדשוה!

סטאף. איך האָב געזאָגט, ענדליך ביזטו דאָ.

יעדעפרוי. ענדליך! געוויס, מיר שיינט אז איך בין דאָ דיא ערשטע. אבער, אויב איך בין צו שפעט —

סטאף. דו ביזט אימער שפעט!

יעדעפרוי. דאן לעג אָב דיא פראָבע, וועלען מיר מאכען פראָבע אַן אנדערן טאָג. געוויסען, גיב מיר צוריק מיינע האנדשוה.

בלאָף. ניין, בלייב! אָבער ווער זענען דיא שטערער, וועלכע דו האָסט מיט דיר געבראכט? (צו דומהייט) יונגערמאַן, הינטלעך זענען פערבאָטען הינטער דיא קוליסען.

סטאף (צו רייכטהום). רויכען אין טהעאטער איז א שרעקליכעס פערברעכען פאר יעדען איינעם אויסער דעם דירעקטאָר.

יעדעפרוי. דאָס זענען מיינע פריינדע.

בלאָף. און אז דיינע פריינדע, איז וואָס? אויף יענער זייט טהיר מעגען דיא פלאנעטען זיך ארומדרעהען ארום שטערן.

יעדעפרוי. ששש! קומט אהער, בלאָף און סטאף. קענסטו נישט רייכטהום, דעם מולטי-מיליאָנער? דאָס איז ער דאָך, דער גרויסער. האָסטו

וויללקאָממען רייכטהום, דריי מאל וויללקאָממען!

נישט געהערט פון לאָרד דומהייט, וועלכער וועט ווערען אַ פירסט? ער שפּיעלט זיך מיט מיין הינטעל.

בלאַף. דאָס איז ווירקליך רייכטהום? (נעהמט אַראָב זיין הוט) ווילקאָמען רייכטהום, דריימאָל ווילקאָמען. ווילסט בעזוכען אונזער אָרים טהעאַטער? עס איז גאַנץ צו דיין פערפיגונג.

סטאַף (נעהמט אַראָב זיין הוט פאַר דומהייט). מילאָרד, ביטטע, מאַך דיך דאַ היימיש, זאָל איך אַרויסרופען דיא דאַמען פון קאָהר אום דיך צו אונטערהאַלטען?

דומהייט (מיט געצוויגענע ווערטער). ניין, דאַנקע, איך האָב נישט קיין לוסט יעדעפרוי אייפערזיכטיג צו מאַכען.

סטאַף. אַ נאָבלעס געפיהל, און דאָך לאַכען מאַנכע אָב פון עדעל געבאָרענע און גוט ערצויגענע.

בלאַף (צו רייכטהום). דו זעהסט, דאָס זענען דיא פליעגעל.

יעדעפרוי. זעהר אינטערעסאַנט פאַר דעם וואָס וויל ווערען אַן ענגעל. הע, בלאַף?

סטאַף (צו דומהייט). דאָס זענען דיא פיס־ליכט.

יעדעפרוי. און ביי זייער שעהנעם ליכט פערברענען זיך אָפט דיא פליעגעל פון דומע יונגע ביענען, אַלזאָ פּאַס אויף!

רייכטהום (אין מיטען). וואָס איז דאָס?

בלאַף. אַ פעלז.

רייכטהום (קלאַפּט דאַרויף). הויל, מיין עהרענוואָרט!

בלאַף. פאָרזיכטיג, רייכטהום, ריהרט דאַ גאָר נישט אָן אויף דער ביהנע, ווייל דו וועסט דיר בעשמוצען דיינע הענד.

יעדעפרוי (צו בלאַף). מיר שיינט גיכער אַז מיט דער בעריהרונג פון רייכטהום וועט דיא ביהנע בעשמוצט ווערען.

דומהייט. איך וואָלט גאָר נישט געגלויבט אַז עס איז אַזוי שמוציג הינטער דיא קוליסען.

יעדעפרוי. נו, דו האָסט דאָך נאָר געקוקט אויף דער בעגילדעטער זייט פון דער לעבענס־ביהנע.

רייכטהום. קיין קאַרפּעט אויף דעם באָדען! עס פּאַסט גאָר נישט אַז יעדעפרוי זאָל שלעפּען איהרע קאָסטבאַרע קליידער דורך אַזעלכען שמוץ.

יעדעפרוי. זיא מוז! דאָס איז דיא שטראָפע וואָס אַ שוישפּיעלערין מוז אונבעדינגט בעצאָהלען.

רייכטהום. אָבער איך רייכטהום קען אויספלאַסטערען דיין וועג מיט ראָזען.

יעדעפרוי. אַזעלכע ראָזען וויא דיא מיידלעך מיט דיא בלאַסע געזיכ־טער מאַכען אין דיא פאַבריקען.

בלאַף. אָבער, מיין הערר, ווען דיא פאָרשטעלונג פאַנגט אָן איז דאָ אַלעס עלעגאַנט און גראַנדאַרטיג.

סטאַף. מיר שטאָלצירען דערמיט וואָס מיר פערשווענדען אַזוי פיעל געלד אויף מיז־אָן־סצענ׳.

רייכטהום. וואָס מיינט איהר?

יעדעפּרוי. ער מיינט דעם פאַלשען פּראַכט און גלאַנץ געגען וועלכען דיא זאַנגע שעהמט זיך; דיא פאַלשקייטען וועלכע זיינען אַזוי קינסטליך צוזאַמענגעשטעלט אַז עס איבערטרעפט דיא נאַטור אַליין. אבער הערט, רייכטהום און דומהייט, עס פּאַסט גאָר נישט אַז איהר זאָל אויסגעפינען דיא אַלע קונצען. זעהט נאָר דיא אַרמע אומגעבונג אין וועלכער יעדעפּרוי מוז פערדיענען איהר טעגליכעס ברויט, גערארע וויא עס איז הינטער דעם פּאַר־האַנג פון דעם אַלטעגליכען לעבען. יעצט געהט!

רייכטהום. רייכטהום שטעהט צו יעדעפּרוי'ס פערפיגונג! (פערנייגט זיך געהט).

דומהייט. דומהייט געהאָרכט יעדעפּרוי. (געהען).

יעדעפּרוי. הער, רייכטהום, היינט נאַכט וועט ביי מיר זיין אַן אונטער־האַלט, ווילסטו ביי מיר זיין צו סופּעה?

רייכטהום. מיט'ן גרעסטען פערגניגען. אויב דו פערשפּרעכסט מיר אַז איך מעג דערפאַר בעצאָהלען.

יעדעפּרוי. און דו, מילאָרד דומהייט?

דומהייט. ענטציקט! ענטציקט!

יעדעפּרוי. בלאַף און סטאַף, בעגלייטעט מיינע פריינע צו דער טהיר.

(בלאַף און סטאַף פערנייגען זיך. רייכטהום און דומהייט געהן..

סטאַף. דאָ אַרום, מילאָרד!

בלאַף. דער אַרויסגאַנג איז שלעכט בעלייכטעט און אומגעלומפּערט געמאַכט. פּאַס אויף רייכטהום, קענסט נאָך פאַלען. (רייכטהום און דומ־הייט אב.)

סטאַף (אַפּאַרט צו בלאַף). ווען ער זאָל פאַלען אַזוי וויא עס פּאַסט פאַר אונז מעג איהם גאָט העלפען, ווייל ער וועט שנעל ווערען...

בלאַף. וואָס?

סטאַף. אַן ענגעל. (אב מיט בלאַף.)

יעדעפּרוי. געוויסען! אָה, דאָ ביזטו, געוויסען. געה שנעל אין מיין גאַרדעראָב, עס איז דאָרט אַ שטיקענדע לופט מען קען דאָרט נישט זיצען, ברענג דאָ אַהער מיין טיש, איך וויל מיין טואַלעט צורעכט מאַכען. איך דאַרף שעהן אויסזעהן, ווייל, ווער ווייסט, ער, דער קעניג וועלכען איך זוך קען נאָך היינט קומען. שיק מיר אַהער יוגענד און שעהנהייט. (געוויסען אב) אין דער וואַרהייט זעהט עס אויס זעהר נאַריש יעדען טאָג איבערצולאָזען דעם זאַנגעשיין פון לעבען צוליעב דיא פאַלשקייטען פון דער פינסטערע ביהנע, יעדע נאַכט צו פערזאָרגען דיא מאַסען, וועלכע מייסטענטהיילס האָבען נישט קיין הערצער צו סימפּאַטיזירען און קיין געהירן צום פערשטעהן. און דאָך, זיי האָבען פון מיר געמאַכט אַ סטאַר, האָבען מיך ערהויבען ביז דעם נאַרר'ס פּאַראַדיעז.

(יוגענד ערשיינט מיט שעהנהייט.)

אָה, מיין יוגענד און שעהנהייט, איהר ווינט ביידע! וואָרום? וואָס איז געשעהן, טהייערע פריינדינען מיינע? צייט האָט איך נישט שלעכט בעהאַנדעלט. וואָס איז? האָבען פּיעלייכט סטאַף און בלאַף געוואַגט צו בעליידיגען יוגענד און שעהנהייט?

יוגענד. זיי האָבען ביי אונז געראַובט אונזער אונשולד.

שעהנהייט. זיי האָבען זיא אַוועגענאָרעט.

יעדעפּרוי. איז עס ווירקליך וואהר אַז אונשולד — אונזער זיסע פריינדין, איז פון דאַנען פערטריעבען? וויא אַזוי איז זיא אַוועק, און וויהין?

יוגענד. דאָס, לײדער, ווייסען מיר נישט.

שעהנהייט. ווען מיר האָבען געשריגען, געוואָלט זיא פערטהיידיגען, האָט מען אונזערע הענד, אונזער קערפּער געפּאַקט מיט אייזערנע הענד;

יוגענד. גראָבע הענד האָבען ארומגענומען אונזערע טאַליען, און ווען נאָכהער מען האָט אונז בעפרייט, האָבען מיר אומזאָנסט געזוכט אונזער אונשולד.

יעדעפּרוי. זיא איז נישט פעהיג זאָגאַר פאַר אַ קאָהר־מעדכען. וואָרום שפּיעלען דיא גוטע און עהרליכע אַזעלכע קליינע ראָלען אויף דער לעבענס־ביהנע? איך בין אַ סטאַר. ערפאָלג האָט בעקרוינט מיין אַנשטרענגונג אין דער קונסט וועלכע איך האָב אויסגעוועהלט, איך בין בעריהמט, און דאָך ליעבע איז נאָך נישט געפונען. אָה, שעהנהייט, יוגענד, פריינדינען טהייערע, וועלכע זענען נאָך מיט מיר, ברענגט, איך בעט אייך, ברענגט זאָפאָרט דעם מעכטיגען מאָנאַרך וועלכען איך זוך, יעדעפּרוי מוז און וועט געפינען ליעבע.

יוגענד. האָסטו געזעהן דעם שוישפּיעלער ליידענשאַפט? האָסטו בעמערקט וויא ער בליקט אויף דיר?

יעדעפּרוי. יאָ.

יוגענד. פיעלסטו איהם זוכסטו?

יעדעפּרוי. ווירקליך, אויב אַזוי, דאַן איז מיין זוכען פאַריבער. זעהר גינסטיג איז ער, נישט וואהר? זיין בענעהמען איז נאָר וויא פון אַ קעניג, זיין זינגען געטליך.

יוגענד. דאָס איז וואהר, אָבער דו דאַרפסט עס ענטשיידען. האָסטו דיך געפיהלט וויא אין פערלעגענהייט אין זיין אַנוועזענהייט?

יעדעפּרוי. יאָ, יאָ, מיין הערץ הייבט זיך אַרויף ווען איך הער זיין שטימע, זיין מינדעסטע בעריהרונג ערוועקט זאָנדערבאַרע געפיהלע — פער־לאַנגען — בענגען — וועלכע זיינען פריהער געוועזן אונבעקאַנט. קומט ליעבע אַזוי?

(אונשולד ערשיינט אין שטיין געבונדען אין קייטען.)

אונשולד. ניין, יעדעפּרוי, ניין!

יעדעפּרוי. הערט! אונשולד רעדט!

אונשולד. היט דיך פאַר ליידענשאַפט. ליידענשאַפט איז נישט ליעבע.

יעדעפּרוי. זיסע אונשולד! דו ביזט דאָך נעבען אונז?

אונשולד. יאָ, אַזוי לאַנג וויא דו ווילסט. אָבוואָהל געבונדען און איינגעקערקערט, פון מענער פערטריעבען, דאָך וועסטו הערען מיין שטימע, יעדעפּרוי, ביז דו אַליין וועסט זאָגען: געה!

יעדעפּרוי. וואָרום ביזטו פערבאָרגען? וואָרום און וויא? האָב איך נישט אימער פערלאַנגט דיך אין מיין געזעלשאַפט? האָב איך נישט רעספּעק־טירט דיין אורטהייל? האָסטו מיך נישט געראַטהען וויא איך זאָל מיך קליידען? דאָס איז דאָך דאָס וויכטיגסטע ביי יעדעפּרוי. וואָרום שפּיעלסטו

היט דיך פאר לײדענשאפט. לײדענשאפט איז נישט ליעבע!

דיך אין בעהעלטעניש, ווען איך וויל מיט פערגניגען מיך בעראטהען מיט דיר וועגען מיין קאָסטיום פאַר דער נעכסטער פיעסע? אויב דו וואכסט ווירקליך איבער מיר, דאַן זאָג מיר וויא געפעלט דיר דאָס. (טהוט אוים דאָס אויבערקלייד, בלייבט אין פרעכטיגען באלל־קאָסטיום דעקאָלטע.) (אונשולד פערשווינדעט, יוגענד און שעהנהייט נעהמען צו ביי איהר מאַנטעל און הוט, מורמלען.)

(געוויסען קומט מיט טיש און שפיעגעל.)

שעהנהייט. עס איז פראַכטפאָל שעהן.

יוגענד. און אַזוי ביזטו אין דער ווירקליכקייט, יעדעפרוי.

יעדעפרוי. און דאָך, אונשולד שווייגט. (צו יוגענד) טראָג דאָס אריין אין מיין גאַרדעראָב. דו וועסט דאָרט געפינען טהייערע בלומען, וועלכע רייכטהום האָט מיר געשיקט, און גוטע קאָנפעקטען אויך, פון מילאָרד דומהייט.

יוגענד (צו שעהנהייט). מיר זענען בלויז יונג און שעהן, דאָך פיעלע פערעהרען אונז. זיא איז אַ סטאַר דארום פערגעטערען זיא אַלע מענער.

יעדעפרוי. מענער פערגעטערען מיך! יאָ, איינפאַכע מענער, אָבער ליעבע, מיין קעניג, וויא איז ער? (זיצט אויף׳ן טישעל. צו געוויסען) זעהסט, מיינע האָאר, דו מויד! דער ווינד האָט זיי צובלאָזען. קענסטו מיר זינגען? מען זאָגט אַז געוויסען האָט אַ שטילע, נידעריגע שטימע, אָבער מאַנכמאָל איז זיא וואונדערבאַר זיס. זינג מיר פון אַ קליינעם שטערן, אַ שטערן וועלכער וואַנדערט דורך דער נאַכט זוכענדיג ליעבע.

געוויסען (זינגט).

געוויסען.

אַ שטערן האָט געצייגט זיין געזיכט
און האָט בעוואונדערט דעם פאָלמאָנד׳ס ליכט,
געציטערט האָט ער פאַר מאָנד׳ס שטאַרקען שיין,
דאָך באַלד איז ער געוואָרען גרויס אַליין,
אַזוי גרויס וויא דער מאָנדשיין.
ווייל קיין וואָלקען איז דאַן געווען
שיינענדיג אָהן אויפהערען,
פערגרעסערט האָט זיך דאַן אַליין
דאָס ליכט פונ׳ם קליינעם שטערען.

דער שטערען קוקט אַראָב אויף דער וועלט
ענטציקט פון זיין הימליש געצעלט.
„אָה מענשען," שרייט ער, „קניעט אויף דער שטעל
„און דיענט צו מיר ווי איך אייך בעפעהל.
„אַ הימעל־קעניגין בין איך."
שיינענדיג אָהן אויפהערען,
האָבען קליינע קינדער אויך געליעבט
דאָס ליכט פונ׳ם קליינעם שטערען.

דער קליינער שטערען ביי טאגעס־ליכט
האט פערלוירען זיין העלל געזיכט.
לאנגזאם האט זיך זיין גלאנץ פערדארבען,
פון זאנענשיין געשטארבען.
פון זאנענשיין געשטארבען.
דאך אויב א שטערען א זעלע האט
זאגאר אין הימעל נעבען גאט
וועט צו שיינען ניט אויפהערען
דאס ליכט פונ׳ם קליינעם שטערען.

יעדעפרוי. נו, געגוג! געגוג! נעם דאס אוועק. ווארט ביז איך וועל דיך רופען. (געווויסען אב) אה! איך בין שוין מיעד צו זוכען ליעבע. וואס האט ער געזאגט זיין געזאנדטער, שמייכעליי? יא, ער האט געזאגט — „ער קומט אינקאגניטא“. דאן איז דאך מעגליך אז ער טראגט א מאסקע. איך האב דאס זעלבע בעמערקט ביי ליידענשאפט, דעם שוויי־שיעלער. ניע האב איך נאך דאס ווירקליכע געשטאלט פון זיין געזיכט געזעהן.

ליידענשאפט (דרויסען). יעצט וועט אן אונווידערשטעהליכער שטראם פון מיין פערלאנגען אויסברעכען פון זיינע ברעגען אין פערפלייצונגען פון ליעבע און פייער.

יעדעפרוי. עס איז ער, ליידענשאפט! וויא קומט עס וואס איך ציטער ווען ער קומט אהער? מיין מאנטעל — ווארום האב איך איהם נישט איבערגעלאזט דא? נישט וויל עס איז מיר קאלט. איך ברען, איך וויל מיך בעהאלטען. (וויל זיך בעהאלטען אונטערן שטיין).

(ליידענשאפט ערשיינט אין א מאסקע.)

ליידענשאפט. יעדעפרוי קום אהער! ווארום זיך בעהאלטען ווען ליידענשאפט קומט אן?

יעדעפרוי (מיט שרעק). ביזט דו ווירקליך קעניג ליעבע?

ליידענשאפט. דו אליין דארפסט געפינען דיין קעניג, קענסטו דיא שטימע פון ליעבע, ליעבעס שפראכע? וויא צו יונגפרויען, ווען זיי זעגען אין זיסע רוהע, קומט ער? לעהן דיך דערוויל צו ביי דעם פעלז, וועהרענד איך וועל מיין ליעד איבערזינגען. (פיהרט זיא צום שטיין.)

יעדעפרוי. ביזטו זיכער מיין גוטער הערר אז דאס וועסטו בלויז איבערזינגען פאר א פראבע?

ליידענשאפט. א פראבע איז עס אין דער ווירקליכקייט. און איבונג מאכט פאלקאמען דעם ליעבעס־קראנקען יונגלינג.

(יעדעפרוי לעהנט זיך צו ביים שטיין. אונשולד זעהט זיך שוואך אין שטיין. ער זינגט.)

ליידענשאפט.

דיא זון שיינט אויף דעם יונגען שנעע
זא צערטליך און געטריי,
פון יעדען טראפען וועט באלד, זעה,

א טהוי פון דאָס ניי.
א טהוי פון דאָס ניי.
דיא ביען זייגט האָניג פון דער בלום
אומאַרמט זיא מיט פרייד.
זיא טרינקט איהר ווין שטיל און שטום
ערקוויקענד פון איהר זיסקייט.
זיי דו דער שנעע און דיא זון איך,
דער טהוי א פרעהליכער טרער;
זיי דו דיא בלום, פאַר ביען מאַך מיך,
וויל ליעבע איז מיין בעגעהר.
קום שוין צו מיין הערצען,
ענטציקענד מיך בעגרים,
און דאַן וועלען דיינע שמערצען
זיך פערוואַנדלען אין איין קים.

(ער בייגט זיך צום שטיין, קושט יעדעפרוי.)

יעדעפרוי (וויא אין טרוים, אומאַרמט לײדענשאַפט). ביזטו ווירקליך מיין קעניג?

לײדענשאַפט. איך בין דיין קעניג. דו ביזט דיא קעניגין פון ליעבע.

יעדעפרוי. אָה, ענדליך געפונען!
ענדליך אומאַרמען מיך ליעבעס אַרמען.
און אזוי גאַנץ פרייוויליג בעצאָהלט יעדע פרוי
דיא שולד פון איהר פרויענשאַפט. (קושט לײדענשאַפט) אָה, עס איז זים
צו הערען דיא שטימע פון שמייכעלײ, צו ווערען אַנערקענט
אַלס זיעגער אין דיא שלאַכטען וועלכע פרויען אונטערנעהמען.
זים איז דער טריאומף פון א פרוי! אבער וויא זים
וויא דאָפעלט זים ווען זיא איז בעזיעגט! ווען זיא גיט זיך אונטער צו דער
מאַכט, צו דעם העלדענמוטה, צו דער אונבעזיעגבאַרער מאַכט, צו דער עדלער
קראַפט פון ליעבע, דעם זיעגער!
ליעבע, איך בין דיין! (קושט איהם).

אונשולד. יעדע פרוי, לעבוואָהל! אדיע!

לײדענשאַפט. יעמאַנד שטערט אונז דאָ. האָסטו נישט געהערט?

(אונשולד פערשווינדעט.)

יעדעפרוי. דאָס איז אונשולד.
אונשולד וואַרנט מיך ווידער. און אין דער צייט ווען זיא זיפצט
„לעבע וואָהל" ברענען אויף מיינע ליפען לײדענשאַפט'ס קושען.
קושען האָב איך פערלאַנגט, אָה גאָט! איך האָב פערגעסען אונשולד.

לײדענשאַפט. ניין, האָרך זיא נישט. (וויל זיא אומאַרמען.)

יעדעפרוי. אוועק! איך צווייפעל אין דיר, איך שרעק פאַר דיר יעצט,
ביזטו עהרליך? דאַן וואָרום טראָגסטו א מאַסקע?
צייג מיר דיין געזיכט, דו ווילסט נישט? דאַן וועל איך אזוי
הערונטעררייסען דיין מאַסקע! (רייסט זי אַראָב)

ליידענשאפט, איך קען דיך יעצט.
דו ביזט נישט ליעבע דער קעניג.
דו ביזט אַ ניעדערטרעכטיגע
עקעלהאפטע קרעאַטורע, אויסגעפוצט אום זיך צו בעריהמטען און גרויסהאַלטען
ווען דו ערשיינסט אויף דער ביהנע, זיך ווארפען און פלוידערן,
און ווען דיין ראָלע איז אָבגעשפיעלט, דיין שמוציגע ארבייט געענדיגט,
צו פערשווינדען אום דיך ניע מעהר צו זעהן. אוועק! געה! (ליידענשאפט
אב) אזוי וועט יעדעפרוי ליידען דעם פלעק
פון ליידענשאַפטס קוס, ווען אונשולד האָט זיא פערלאָסען.
אָה, ליעבע! וואהרע ליעבע! ריינע ליעבע!
דער קעניג איבער קעניגע, דער זעעלע'ס זיסער זאַנגענשיין.
קראפט פון שוואכע, רעטונג פון דיא פעראורטהיילטע! דער גאָט פון יעדע־
פרוי! קום צו מיר! רעטע מיך! (קניעט).

(געוויסען ערשיינט).

יעדעפרוי. אָה, געוויסען! געוויסען! טרייסט מיך. (געוויסען בייגט זיך איבער איהר צערטליך).

פאָרהאַנג.

דריטעס געזאנג

(יעדעפרוי'ס וואָהנונג אין שטאדט. נאָכט. שווערע פאָרהאַנגען אויף דיא פענסטער, א רויטע עלעקטרישע שיין, דונקעל, אַ גרויסער טיש געדעקט מיט פיעלע גלעזער און פלעשער, שטוהלען אַרום טיש, רעכטס אַ גרויסער שפיעגעל, לינקס אַ זאָפאַ. רייך מעבלירט.)

(גראַוועל דרעמעלט. סניק טרינקט וויין. ניעמאַנד.)

ניעמאַנד. אין יעדעפרוי'ס וואָהנונג, ערווארטען זיא יעצט
איהרע ארמע דיענער, וועלכע שטעהען ביז צולעצט. (אוהר שלאָגט 12)
הערט! עס איז שוין מיטנאכט, טויזענדער האָבען זיא פערעהרט,
איהר אפלאָדירט וויא אַ גרויסען סטאר געהערט.
זיא אונטערהאַלט געזעלשאפט ווען אַלע מענשען רוהען.
איהרע פאטריאָטען וויסען שוין נישט וואָס פאר איהר צו טהון.
זיא זוכט נאָך אַלץ ליעבע. וויא לעכערליך דאָס קלינגט,
צו זוכען ריינע ליעבע, וויא מען טרינקט, מען טאנצט און מען זינגט.
ווען אונשולד איז פערלאָרען, און באקען זענען געפארבט.
זאָל יעדעפרוי דאן וויינען, ווייל איהר שעהנהייט שטארבט. (אב.)

(מען הערט דרויסען פייפען פון אויטאָמאָביל, דיענער מאַכען ליכטיג, לויפען צום טהיר.)

יעדעפרוי געארמט מיט רייכטהום. זיא אין אויטאָמאָביל קאָסטום, טראָגט פיעלע בוקעס בלומען, לאַכט.

יוגענד, שעהנהייט, אַלטער. דומהייט, זיין האַנד אַרום שעהנהייט, זיא איז בלאַס.

סטאַף, בלאַף פאַף, האַבזוכט, אייטעלקייט, זעלבסט, אַלע אין באַלל-קליידער. געוויסען בלייבט פון הינטען. אַלע אין אויטאָמאַביל זאַכען.

יעדעפרוי. מיינע פריינדע, זייט מיר ווילקאָמען אין מיין הויז. גראָוועל און סניק בעדיענט דיעזע העררען. געוויסען, נעהם אַראָב מיין מאַנטעל. מיינע דאַמען, איך וויל אייך נישט איבערגעבען צו מיין דיענסט אז זיא זאָל אייך אויסטהון, זיא איז זעהר אונגעשיקט. איך צווייפעל נישט אז פאַף און בלאַף און סטאַף וועלען אייך העלפען אויסטהון. (צו געוויסען) געה, איך דאַרף דיך נישט. (געוויסען אב.)

רייכטהום (מיט די הענד אין דיא טאַשען). ביי גאָט! דו האָסט גליק, יעדעפרוי, אַז דו האָסט געקענט אויסלערנען דיין דיענסט, געוויסען, אַזוי פּינקטליך צו געהאָרכען און צו פערשווינדען אַזוי גראַציעז.

יעדעפרוי. אָה, רייכטהום, דו ווייסט גאַר נישט אַז דיא מויד ווייסט זיך וויא צו בענעהמען ווען איך האָב געזעלשאַפט, ווען אָבער מיר בלייבען אַליין, דאַן רעגיערט זיא און איך בין דיא דיענערין. אָבער לאָמיר זיין לוסטיג. אָה, יוגענד! (לאַכט) כאַ־כאַ־כאַ! רייכטהום, דו בעטראַכסט יוגענד? זיא פיהרט אַלטער אויף אַ שטריקעל. גוט אַזוי, יוגענד, מאַך איהם טאַנצען, עס איז גאַנץ רעכט דו זאָלסט האָבען אַביסעל שפּאַס מיט איהם. דרעה איהם אַרום שנעלער, אַזוי, כאַ־כאַ־כאַ! (יוגענד דרעהט זיך אַרום מיט אַלטער. אַלע לאַכען.)

אַלטער. דו פעררינקטע! (סאָפּעט) דו ווּעסט מיך טעדטען, און דאָך, ווילסטו מיך ליעבען, וועל איך טאַנצען אויף מיין אייגענע לויה. (זינקט פער-מאַרטערט אין שטוהל).

יעדעפרוי. יוגענד, דערלאַנג איהם וויין. אבער וויא איז שעהנהייט? מילאַרד דומהייט, וואָס פעהלט איהר?

דומהייט. מיר שיינט עס איז שוין צו שפּעט פאַר שעהנהייט, איהרע באַקען זענען בלאַס און זיא פיהלט זיך שוואַך. (פאַכעט שעהנהייט מיט אַ פעכער, זיא לעהנט זיך אָב אויף זאָפאַ.)

יעדעפרוי. דאָס אַרמע קינד איז מיעד. (נעהמט וויין, געהט צו שעהנהייט) טרינק דאָס.

זעלבסט (אַפּאַרט צו אייטעלקייט). אַ שלויע בעסטיע, דיא שעהנ-הייט. וויא זאַגסטו, אייטעלקייט?

אייטעלקייט (אַפּאַרט צו זעלבסט). זיא איז אָהנמעכטיג, געוויס, אָבער דער אָהנמאַכט איז אַ געמאַכטער, נישט וואַהר, האַבזוכט?

האַבזוכט (צו זיי). דאָס איז אַ נעץ זיי צו פאַנגען, מיינע טהייערע. זעלבסט, דו מאַכסט עס פיעל בעסער, איך האָב געזעהן.

יעדעפרוי (צו שעהנהייט). פיהלסטו בעסער יעצט?

(שעהנהייט שמייכעלט מיעד. בלאַף סטאַף און פאַף רעדען אַפּאַרט.)

בלאַף. איך זאָג דיר סטאַף, זיא ווייס וויא אומצוגעהן מיט זיין געלד, יעדעפרוי קען געווינען רייכטהום, ווען זיא וויל.

סטאף. זעהר וואהר געזאגט, אבער וואס קען דאס אונז העלפען? מיר זוכען אן ענגעל, און מיר שיינט ער וועט נישט זיין זעהר פאסענד פאר דער ראלע.

פאף. ענגעל? ניין, פאר א טייפעל וואלט ער שוין בעסער געפאסט. יעצט, זעהסטו, דיעזען פעסט וועל איך פאף, דער אגענט, בעפוצען מיט פאנ־טאסטישע בעציערונגען אזוי, אז אין דער פרעסע זאל עס ערשיינען אז אפפען זענען געזעסען ביי איהר טיש.

בלאף. נו, דארום האבען מיר דאך דיך אהער געבראכט.

פאף. אז פון איהר קוכען זענען ארויסגעקומען נאקעטע טאנצענדע מעדכען, דאן וועלען דיא מענשען קומען אין מאסען אום צו זעהן דיא פרוי וועלכע האט אזוי אונטערהאלטען רייכטהום און דומהייט.

סטאף. דו ביזט ווירקליך דער קעניג פון דיא ליגנער, פאף. (דריקט זיין האנד).

יעדעפרוי (צו שעהנהייט). דו זאלסט דיך א וויילע אויסרוהען. (צו אללע) מיינע פריינדע, אונזער פעסט ערוואַרטעט אונז. (דיענער ברענגען ערפרישונגען) בלאף זעץ דיך צום טיש מיט זעלבסט; סטאף, דיר גיב איך האבזוכט אלס קאמפאניאן; פאף, מיט אייטעלקייט אלס דיין געזעלשאפטע־רין וועסטו געווים דיך פיהלען גליקליך; אלטער קלאמערט זיך נאך אלץ צו יוגענד; רייכטהום, ווילסטו זיצען ביי מיר?

רייכטהום (הערט נישט). דומהייט, גיב מיר דעם פעכער, איך וויל אבהיטען שעהנהייט.

דומהייט. ניין, דיעזע גליקליכע אויפגאבע וועט זיין מיינע.

יעדעפרוי. וואס איז? זאל איך געהן צום טיש אליין? איז דען שעהנהייט זאגאר קראנקערהייט מעהר אנציעהענד וויא איך? איך בין דאך דיא ווירטהין, און איך בעפעהל רייכטהום און דומהייט צו זיצען אויף מיינע ביידע זייטען. געוויסען וועט אויפפאסען אויף שעהנהייט (קלינגט. געוויסען ערשיינט) געוויסען, דאס קינד איז קראנק, און איך גיב זיא איבער אויף דיין שוץ.

(געוויסען קניעט ביי שעהנהייט. אלע געהען אין פאארען צום טיש. דיענער סערווירען וויין, מען טרינקט, מען לאכט. געוויסען זינגט.)

א בלום געבוירען אין א גארטען שעהן,
זינג העי! זינג הא! אה דו דומע
געשפיעלט זיך שעהן, און דיא מארגענלופט
האט געליעבט א קוס פון איהר זיסען דופט
זינג העי! זינג הא! פאר דער בלומע
אין מיטאג־צייט קומט איינער צו געהן
זינג העי! זינג הא! אה מאמע!
בעמערקט איהר שעהנהייט, בעגעהרט איהר זאפט,
ערשטוינט פון איהר וואונדערבארער קראפט,
דיא בלום אויסערוועהלט האט ער לייכטזינהאפט,
זינג וויין! זינג וועה! פאר דער דאמע.

יעדעפרוי (רעדט צווישען דיא ווערזען). רייכטהום, איך שווער דיר אז יעדעפרוי געפינט אין דיר אויסגעצייכענטע געזעלשאפט. מעהר ווייז פאר מילאָרד דומהיים. וויא געהט עס דיר, זיסע יוגענד?

יוגענד. דארפסט נאָך פרעגען? איך האָב געפונען קאָנפעקטען, איך בין העכסט גליקליך.

(געוויסען זינגט.)

פונ'ם גארטען שעהן ארויס איז זיא,
זינג העי! זינג האָ! אָה דו דומע,
אין א בוקעי איז יעצט איהר געזיכט,
וויינט אומזיסט צו זעהן ווידער טאָגעסליכט,
זינג העי! זינג האָ! פאר דער בלומע!
זיא איז נישט מעהר פריש און זיא ריעכט נישט מעהר,
זינג העי! זינג האָ! אָה מאמע!
זיא בייגט איהר קאָפּ און א בלעטער פאלט,
דאן ווערט באלד טרויריג איהר געשטאלט.
און פריהמאָרגען איז זיא טויט און קאלט.
זינג וויין! זינג וועה! פאר דער דאמע!

פאָף. איך וועל דיר געבען א טאָאסט. (אלע געסט אפּלאָדירען).
אויפ'ם וואָהל פיר יוגענד, מיט וועלכער מיר ווילען זיך ניט שיידען.
אויפ'ם וואָהל פיר אלטער, וועלכע מיר קענער נישט אויסמיידען.
אויפ'ם וואָהל פיר רייכטהום, יעדענס בעסטער פריינד אין לעבען.
אויפ'ם וואָהל פיר האבזוכט, וועלכע וואָהנט נישט וויט דערנעבען.
אויפ'ם וואָהל פיר בלאָף, דורך וועלכען מיר ווילען זיעגען.
אויפ'ם וואָהל פיר אייטעלקייט, מיט וועלכען מיר זיך אליין בעטריגען.
אויפ'ם וואָהל פיר זעלבסט, וועלכע מיר אמבעסטען ליעבען.
אויפ'ם וואָהל פיר יעדעפרוי, צו וועלכע דער גאנצער טאָאסט איז געשריעבען.

(אלע שטעהען אויף און טרינקען.)

אללע. יעדעפרוי!

יעדעפרוי. איך דאנק דיר, פאר מיר אליין און פאר מיין לוסטיגע געזעלשאפט, איך וואָלט זעהר געוואָלט זיין מעהר העפליך צו מיינע געסטע, אָבער עס ווערט שפעט. און יעדעפרוי האט א פפליכט וועלכע איז נאָך אונ-ערפילט. (שטעהט אויף) זאָלען מיר יעצט שליסען אונזער פעסט?

אללע. ניין! ניין! א. ז. וו.

רייכטהום (אפּארט צו בלאָף). זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז דאָס פאר א געהיימע מיסיאָן, מיט וועלכע יעדעפרוי בעשעפטיגט זיך?

בלאָף. זיא זוכט ליעבע.

רייכטהום. זיא זוכט ליעבע, זאָגסטו? נו, וועל איך קויפען דאָס שפיעלצייג און וועל איהר עס אוועקשענקען. איז דאָס אזא טהייערע זאך?

בלאָף. מען האָט מיר געזאָגט אז עס גיבט גאר קיין פרייז נישט דערפאר.

רייכטהום. דומהייטען! רייכטהום קען אַלעס קויפען. דו, יוגענד, קום אהער! זאָג מיר, וואָס איז דאָס דיא ליעבע וועלכע יעדעפרוי זוכט?

יוגענד. ליעבע איז אַ קעניג.

רייכטהום. נו, דאַן וועל איך איהם קויפען.

יוגענד. קעניגע קען מען נישט קויפען.

רייכטהום. האָ, האָ! דאָס איז בלויז דיא מיינונג פון יוגענד. (צו סטאַף) פּסט, סטאַף! וויא קען איך קריעגען דיא זאַך, וועלכע רופט זיך ליעבע?

סטאַף. דיא קענסט קיין ליעבע קריעגען. (שטרעקט אוים דיא הענד) ווען דו האַלסט דיינע הענד אין דיינע טאַשען.

רייכטהום. דאָס איז מיין געוואָהנהייט — ווען דיינע הענד זענען נישט ווייט פון מיר. הא! דאָרט איז אַלטער, ער בעזיצט פיעל וויזהייט, אבוואָהל ער האָט וועניג פערשטאַנד. אַלטער! איין וואָרט אין דיין אויער.

אַלטער. וואָס זאָגסטו? רעד העכער, מען זאָגט אַז געלד שרייט, און דאָך רייכטהום רעדט צו מייסטע מענשען אזוי שטיל אַז מען הערט איהם גאָרנישט.

רייכטהום. ווייסטו וואָס ליעבע איז?

אַלטער. יא, אַמאָל האָב איך געוויסט. אבער ליידער, יעצט איז ליעבע טויט.

רייכטהום (אַפּאַרט). ליעבע טויט! און יעדעפרוי ווייס עס נישט. מיר שיינט איך האָב אַ טהייערע אידעע. איך, רייכטהום, וועל שפּיעלען דיא ראָלע אַלס ליעבע. איך וועל אָננעהמען זיין טיטעל, זיין נאָמען, און יעדעפרוי וועט זיכער איינשטימען צו זיין מיין.

יעדעפרוי (קומט צו). קומט, פריינדע, צום לעצטען אבשיעדס-טרינק. (יעדער נעהמט אַ גלאָז.)

דומהייט (בעזאָפען). יא, אַ פול גלאָז! און איך וועל זינגען אַ ליעד.

יעדעפרוי (לאַכט). יונגע, דו האָסט געטרונקען פון אַ צויבערבעכער.

אַלטער. דער וויין וואַרמט אָן דאָס אַלטע בלוט. (וואַרפט אַ קוס צו יעדעפרוי.)

יעדעפרוי. און דו האָסט עסיג אין דיינע אָדערן. (אַלע לאַכען.)

בלאַף. איך שווער איך אַז דיעזער געטליכער געטראַנק מאַכט אונזערע שטערן העלער שיינען.

יעדעפרוי. אבער עס הייבט באַלד אָן צו טאָגען און דאַן מוזען אַלע שטערען אויפהערען צו שיינען. נו, טרינקט נאָך איינס, און דאַן בעט איך אייך אַלע געהט!

סטאַף. מיר געהען נישט פריהער, ביז מיר וועלען דיך קרעהנען אַלס קעניגין פון דיא נאַכט-שווערמער.

בלאַף. יעדעפרוי איז אירגענד וועלכען מאַנס קעניגין.

פּאַף. יעדעפרוי איז ווירדיג צו בעשטייגען אַ טהראָן.

רייכטהום. דאָ גלייך, אין מיטען דיא שטיקער פון אונזער פעסט וועלען מיר זיא זעצען אויף אַ טהראָן. (שטעלט אַ שטוהל אויף אַ טיש.)

יעדעפרוי. ניין! איך פּראָטעסטיר! אום אייסצופיהרען אייערע

קאפריזען און איינבילדונגען בעהאנדעלט איהר יעדעפרוי זעהר גראב. וואס דער ווין קען אלץ מאכען פון דיא מענער, דיא קאוואליערען! וויא? איהר בעשטעהט דארויף דורכאויס? נו גוט. דאן וועל איך אליין בעשטייגען מיין טהראן, העלפט מיר נישט. (געהט אויפ'ן טיש). זעהט אייער קעניגן, מענער! איהר זאלט אייך בוקען און פערגעטערען יעדעפרוי. פרויען, איהר זאלט זיא פערעהרען פון אויסענוועניג, טראץ דעם וואס אייערע זעעלען ווערען פערצעהרט אוים נייד. (מענער קניען, פרויען נייגען זיך.)

אללע. עס לעבע יעדעפרוי! האך! האך!

יעדעפרוי. מיינע טרייע אונטערטהאנען, איך בעפעהל אייך, שטעהט אויף!

אללע. א ליעד! א ליעד! א סצענע! א געשיכטע!

יעדעפרוי. אבער וואס זאל איך רעדען?

רייכטהום. מיר בעטען אייער גנעדיגע מאיעסטעט צו ערצעהלען פון אייער קעניג, אייער לעבענסבעגלייטער.

יעדעפרוי. איך האב קיין לעבענסבעגלייטער, דאך פון אקעניג וועל איך ערצעהלען. א קעניג פון נאכט-שווערמער.

אללע. זיין נאמען! זיין נאמען!

יעדעפרוי. ניין, דאס איז א רעטהזעל פאר אייך צו טרעפען. ווער איז דאס וואס לאכט ווען אלע וויינען? הערט: (דעקלאמירט צו מוזיק.)
דער קארגער בעהאלט זיין גאלד וואס ער פערמאג,
אבער וואס העלפט עס איהם, עס ווערט ווניגער יעדען טאג.
אבוואהל קיינער אויסער זיין וויב ווייסט וויא ער האט עס בעהאלטען.
נון, ווער איז עס וואס לאכט פון דעם אלטען? הא! הא!

אללע. דער טייפעל קעניג!

יעדעפרוי. דער טייפעל קעניג!

אללע. דער טייפעל קעניג, הא! הא! הא! הא!

געוויסען (זינגט ביי שעהנהייט'ס זאפא).

יעדעפרוי. דער ריטער נעמט אבשיעד פון זיין געליעבטער, דער העלד, ער קוסט דאן איהר האנדשוה אויף דעם שלאכטפעלד.
אבער דעם ריטער מיט איהר ליליענווייסע האנד, זיא בעפרייט
ווער איז דאס וואס לאכט דאן אזוי הערצליך, אזוי ברייט? הא! הא!

אללע. דער טייפעל קעניג!

יעדעפרוי. דער טייפעל קעניג!

אללע. דער טייפעל קעניג, הא! הא! הא! הא!

געוויסען (זינגט).

זיא איז נישט מעהר פריש און זיא ריעכט נישט מעהר,
זינג העי! זינג הא! אה מאמע!
זיא בייגט איהר קאפ און א בלעטעל פאלט,
דאן ווערט באלד טרויריג איהר געשטאלט.
אין פריהמארגען איז זיא טויט און קאלט
זינג וויין! זינג וועה! פאר דער דאמע!

זעהט אייער קעניגין, מענער! איהר זאָלט אייך בוקען און פערגעטערען יעדעפרוי.

(ווען זיא זינגט דעם לעצטען פערז בלייבען אלע שטיל, לאזען אראב די קעפּ. יעדעפרוי קניעט אויפ'ן טיש, בעהאלט איהר געזיכט אין דיא הענד. דער זייגער שלאגט 5.)

יעדעפרוי (הייבט אויף איהר קאפּ, בלאס, דיא האאר צערוואָרפען).

געוויסען, אה, געוויסען! ווארום ווילסטו נישט שלאפען
נאר דאן ווען דיין הערצין שלאפט? מיינע פריינדע,
אויב איהר זענט פריינדע, איך בעט אייך, פערלאסט מיך יעצט.
דיא קעניגין פון דיא נאכטשווערמער מוז זיך איבערגעבען
צו דער בעדיענונג פון איהרע דיענסטמעדכען.
יוגענד, העלף מיר. (געהט אראב פון טיש.)

בלאף (צו סטאף). אן אונאנגענעהמע מויד, דיא געוויסען.

סטאף (צו בלאף). זיא ערינערט מיך אין מיין פרוי וועלכע זאגאר יעצט בין איך זיכער אז זיא זיצט אויף און ווארט אויף מיר.

יעדעפרוי. יוגענד, לאז מיך אנלעהנען
אויף דיר, וואס איז מיין קליינע,
דיינע טריט זענען אונזיכער? דאס איז שלעכט, זעהר שלעכט.
מיר שיינט אז יעדעפרוי האט איהר יוגענד שלעכט בעהאנדעלט.
נו זעץ דיך אנידער און רוה דיך אויס. געוויסען, גיב דו
אבאכט אויף יוגענד.
(צו דיא געסטע) גוטע נאכט! גוטע נאכט אייך אלע!

(אלע געסט פערנייגען זיך, געהן אב, אויסער רייכטהום וועלכער בלייבט אונטען אונבעמערקט, קוקט אונרוהיג אויף יעדעפרוי. יוגענד שלאפט איין אויף א שוהל.)

ענדליך בין איך אליין מיט יוגענד און שעהנהייט.
געוויסען נעם פון מיר אראב דיא גלענצענדע בעפוצונגען.
העלף מיר אויסטהון, ניין, ברענג מיר פריהער דעם מאנטעל
פון ריינהייט, וועלכען איך האב געטראגען, ווען איך בין צום ערשטען מאל
ארוים אויף מיין רייזע צו זוכען ליעבע. (געוויסען אב.)
אה, ליעבע! מיין קעניג! נאך אלץ בעהאלטען פון מיר.
וויא ביזטו? וואס איז דיין נאמען?

רייכטהום (קומט צו). זיין נאמען איז רייכטהום.

יעדעפרוי. דו ביזט דא? געה! וויא וואגסטו דא צו שטערען?

רייכטהום. דו האסט געזוכט ליעבע. זעה, איך בין דיין קעניג.
מעהר דארפסטו נישט זוכען, ווייסטו דען נישט אז דאס איז רייכטהום,
וועלכען יעדעפרוי זוכט? דא ביי דיינע פיס.
וויל איך דיר אנביעטען דיא טהייערסטע געשענקע. (קניעט)

יעדעפרוי. געשענקע, זאגסטו? געשענקע
פון ליעבע? דאס איז זאנדערבאר, מיר שיינט, דער קעניג, ווען איך געפין איהם, וואלט נישט גערעדט פון געשענקע, נישט געצאהלט קיין פרייז, נישט מיך געקויפט, נאר בעפעהלט געהארזאמקייט צו זיין ווילען.
שטעה אויף, שטעה אויף, און אויב דו קענסט בעווייזען דורך אירגענד וועלכע

מיטעל, אז ליעבע און רייכטהום זענען איינס, דאן וויל איך הערען וואס דו האסט צו זאגען דארויף.

רייכטהום (שטעהט אויף). א פאלאסט אין מיטען שטאדט, א לוסט־שיף. א לאנד־הויז, א גוט פון א באראן אין ענגלאנד, פערד, אויטאמאבילס, דיאמאנטען ציערינג, צו פערשעהמען אן אריענטאלישען פרינץ. פון פאריז קליידער, טהייערע זעלטענע פערל, א לאזשע יעדען סיזאן אין דער אפערא.—

יעדעפרוי. און איז דאס ליעבע
וואס לעגט פאר דיא אלע זאכען? מיר האט מען געזאגט
זיינע מאיעסטעט עסט איינפאכע שפייזען, ער לעבט
מיט ברויט און קעז און קיססע. אה, גוט, זאג מיר,
אויב אין דער וואהרהייט דו ביזט ליעבע, וואלסטו געוועזן מיין
איינציגער פריינד ווען יוגענד און שעהנהייט וואלטען פון מיר אוועק?
וואלסטו שפאציערט מיט מיר צופריעדען ווען צייט
וואלט געפיהרט אונזערע ציטערענדע פוסטריטע צום גראב?
אנטווארטע מיר, דיא וואהרהייט!

רייכטהום. ביי גאט! אויב דו ווילסט עס דורכאויס וויסען.
דאן מוז איך דיר זאגען, יעדעפרוי, אז רייכטהום
וויל בעסער אז דיינע גנעדיגע דיענערשאפט, יוגענד און שעהנהייט,
זאלען בלייבען מיט דיר.

יעדעפרוי. אבער אין דיין פאלאסט אויף
דיין לוסטשיף, בלויז מיט דיר אליין?

רייכטהום. אליין. אבער דיין יוגענד און שעהנהייט זאלען
נישט זיין פערשטויסען פון דיר.

יעדעפרוי. אין פריהמארגען, אם מיטאג, ביי נאכט מיט ליעבע — מיט דיר.

רייכטהום. מיט ליעבע — מיט מיר. קיינער מעהר אויסער יוגענד און שעהנהייט.

יעדעפרוי. און ווען זיי פערלאסען יעדעפרוי, ווען צייט רופט זיי,
און זיי געהען אוועק, ווייל ווען צייט רופט מוז מען געהן.

רייכטהום. אוועקגעהן, דאן וואלט איך זיי געזוכט נאך אמאל. און מיט אזוי פיעל קונסט וויפיעל רייכטהום איז אימשטאנדע אנצואווענדען וואלט איך זיי צוריק געקריעגען, ווייל דיא וואהרהייט געזאגט, ביידע, יוגענד און שעהנהייט, זענען אימער געוועזען ליעבלינגע אין דעם הויף פון קעניג ליעבע.

יעדעפרוי. אה! יעצט איז דיין מאסקע ארונטער, איך קען דיך רייכטהום, דו ביזט נישט א קעניג, דו האסט קיין טהראן צו פערשענקען. דו ביזט בלויז א ניעדערטרעכטיגער סולטאן, וועלכער, מיט זיינע רייכע געשענקע וואלט יעדע פרוי מיט איהר שעהנהייט, מיט איהר יוגענד און מיט אלעם וואס דיר געפעלט פאר א קורצע ווייל ארייגגענארט און פערשקלאפט אין דיין הארעם. הא, לומפ! אויסוואורף! בעסטיע.

רייכטהום. א בייזע פרוי! נו, איך וועל פארלעגען מיין ביטע צו יוגענד.

יעדעפרוי. זיא שלאפט.

רייכטהום. דאן זאָל זיין שעהנהייט, זיא וועט מיך נישט אויסלאַכען.

יעדעפרוי. זיא איז קראַנק. געה!

(רופט) העי! דיענער! געוויסען! (גראַוועל, סניק, געוויסען קומען.)
ציינט רייכטהום דיא טהיר, עפענט ברייט דיא פענסטער
זאָל טאָגעסליכט אריינשיינען, זאָל דיא הימלישע לופט
פערטרייבען דיעזע אונריינע, שטיקענדע אַטמאָספערע.

(מען עפענט פענסטער, ליכט שיינט אויף שעהנהייט.)

איך האסס דיך, רייכטהום! איך האסס דיך! געה פון דאַנען!
איך האסס מיך אַליין, איך האסס דיא פאַלשקייטען, דיא שאַנדע
פון אַזאַ לעבען וויא דאָס איז. ליעבע וואָהנט נישט דאָ.
יוגענד, זיסע יוגענד, ערוואַך! איך און דו
און שעהנהייט וועלען אַוועקגעהן פון דאַנען, צוריקגעהן צו וואַרהייט.
דיא העקסע, דיא וואַהרזאַגערין וועט אונזער פיהרערין זיין.
שעהנהייט, מיין שעהנהייט, איך וועל דיך פּפלעגען, אויף דיר גוט אויפ־
פּאַסען. (געהט צו שעהנהייט.)

געוויסען (האַלט זיא אויף). צו שפּעט! צו שפּעט!

יעדעפרוי. וואָס מיינסטו?

געוויסען. צום בעדויערען מוז דיר דיין געוויסען
ערצעהלען דיא שרעקליכע נייעס. שעהנהייט איז פערלאָרען
פאַר דיר אויף עוויג.

יעדעפרוי. שעהנהייט פערלאָרען?

געוויסען. זיא איז טויט! (יוגענד פאַלט אין אונמאַכט אין גע־
וויסענס ארמע.)

יעדעפרוי. טויט! טויט! (לויפט צום זאָפאַ, קושט שעהנהייט.)
דיא ליפּען קאַלט! מיין שעהנהייט פערלאָרען! אָה ניין, ניין!
דאָס קען נישט זיין וואהר!

געוויסען. בעטראַכט דיין שפּיעגעל, וויא שמייכעליי פלעגט אַמאָל
וואָהנען.

יעדעפרוי (וואַנקט צום שפּיעגעל, אויף טויט ערשראָקען ווען זיא
בליקט אין שפּיעגעל. וואַרהייט זעהט זיך אין איהם.

דאָס איז נישט איך — דאָס עקעלהאַפטע געזיכט (צום שפּיעגעל)
איך קען דיך! דו ביזט וואַרהייט, וועלכע ניעמאַנד ליעבט.
צוריק צו דיין ברונען, דו העקסע! און ערטרינק דיך אין וואַסער. (וואַרפט
אַ פלאַש אין שפּיעגעל.)
ווייון! ווייון! פאַר יעדע פרוי.
רייכטהום איז נאָך מיט איהר. ווייון פיר רייכטהום!
(צו רייכטהום) ווילסטו טאַנצען?

זעהט! יעדעפרוי פיהרט רייכטהום אַ לוסטיגען טאַנץ!

(נעהמט זיין האַנדביידע זינגען הויך און טאַנצען ווילד.)

דער טייפעל קעניג! טייפעל קעניג! טייפעל קעניג! האַ! האַ! האַ! האַ!

פאָרהאַנג.

צו שפעט! צו שפעט! שעהנהייט איז פערלארען פאר דיר אויף אייביג. זי איז טויט.

וויין פיר רייכטהום ! זעהט, יעדעפרוי פיהרט רייכטהום א לוסטיגען טאנץ.

פיערטעס געזאַנג

א שטראַססע, רעכטס אַ קאַפע רייך בעלייכטעט, פאַרהאַנג אראָב־געלאָזט. לינקס אַ טעמפעל, לבנה שיינט, עס שנעעט. עס איז ניי־יאהר אבענד, מאַסען מענשען אוי דער ביהנע מיט טרובעס, פרעהליך. ווען אַלע אב, ערשיינט ניעמאַנד.

ניעמאַנד. האַ־האַ! האַ־האַ! דאַס איז דיא לוסטיגע ווייסע שטראַסע. מיט גוטע אבזיכטען האָבען זיא אויסגעפלאַסטערט מענשען אַ מאַסע.
„אַ קליינע גאַס אין הימעל" רופט מען דאַ דיא שטעללע,
גלויבט ניעמאַנדען, זיא פיהרט דירעקט אין דיא העללע.
דאַ זוכט יעדעפרוי, פיעללייכט אויך יעדערמאַן,
טרייסט אַדער אויפרעגונג — אַ גוטלאַזער פלאַן.
ארמע דומע שטערבליכע! זיי ווייסען אַלע זעהר ווענִיג.
ניעמאַנד איז דאַ גליקליך, האַ־האַ! האַ־האַ! טייפעל קעניג!
איך, ניעמאַנד, בעט אייך אום פערציייהונג הייטע,
פאַר צייגען דיא לוסטיגע ווייסע שטראַסע צו אנשטענדיגע לייטע,
וויא אַלעס איז פאַלש, ליעבע איז אַ בלאַף,
קלוגהייט איז אַ וואָלף, עהרליכקייט אַ שאָף.
אָבער דאָך, וועהרענד איך בעט אייך אום פערצייהען,
פערגעסט נישט, מיין אויפגאַבע איז אונדאַנקבאַר אין צווייען.
איך מוז אויך אויפדעקען דעם אַבגרונד אין וועלכען זיי קריכען,
ווען יעדעפרוי וואַנדערט ארום אום ליעבע צו זיכען,
איך שטעה דאַ שוין צו לאַנג, ווייל אין דיעזע פרעהליכע וועלטען
פון דער לוסטיגער ווייסער שטראַסע, זעהט מען מיך זעהר זעלטען.
און דאַ קומט זינד, יעדען וויל זיא געפעלען,
אַ מיליאָן וועגען האָט דיא שקאַפע וויא זיך צו פערשטעלען.
ארום איהר זעהט מען אימער נאַררען גאַנצע מאַסען,
פון הינטען געהן איהר נאָך באַנדיטען, שלעכט און אויסגעלאַסען,
שאַף, טויב און עזעל פערפאָלגט פון בייזע טהיערען,
יעצט לאָזט דיא פראָצעסיאָן דורך דער לוסטיגע ווייסע שטראַסע פאַסירען.
(שטעט זיך העפליך אוועק אין אַ זייט. אב.)

(זינד, וויא אַ שעהנע פרוי קומט אָן זינגענד.)

זינד.

מיט פריידע פיעל, קום גאַנץ שטיל,
וויא איז דיא מילב וואָס אנטלויפט פון דעם ליכט?
זאָגאַר איך, לויף אויף גיך
צו דעם שעהנעם ווייסען ליכט.

נאַררען:

ראַה! ראַה! ראַה! ראַה! ראַה! ראַה!
מיר זענען וואוילע יונגען;

דאָס איז די לוסטיגע ווייסע שטראססע.

אונזער וועלט האָט פיעל געלד,
לאָמיר טאַנצען און אויך זינגען.

מיידלעך:

מיידלעך שעהן, נישט געמיין,
געקליידעט אין פּראַכט און גלאַנץ.
מיר לאַכען הויך, זינגען אויך
און פערפעהלען ניט קיין טאַנץ.

קאָהר:

מיר זענען שלעכט, אונגערעכט,
קיינער קען אונז ניט דערקענען;
רויבען שטיל איז מיין ציעל
און מיר רופען דאָס נאָך עהרליך נעהמען.

(טאַנצען, זינגען, אַב.)

(יעדעפרוי ארם געקליידעט, שוואַך, פיהרט יוגענד.)

יוגענד. אָה! יעדעפרוי! וויהין געהסטו?
איך וואָלט זעהר געוואָלט דיר נאכפאָלגען וויא דיין שאטען, אבער
איך פיהל מיינע פיס ווערען שוואַך און מיין הערץ
שרעקט מיך זעהר, אז באַלד וועט קומען צייט, דער שיקיונג,
און מיך אוועקרייסען פון דיר. יענע דאָרט האָבען געזאָגט
אַז צייט האָט געשוואָרען צו טעדטען דיין יוגענד, ווייל דו
יעדעפרוי, האָסט אימער געוואָלט אין דיין אויסגעלאַסענעם לעבען צייט
פערטרייבען.

יעדעפרוי. ניין, מונטער דיך אויף,
ווער פרעהליך, מיין יוגענד, דו ביזט מיין איינציגע האָפנונג.
אָהן דיין הילפע, וויא קען איך צוריק געווינען
דיא לאַרבערקרענצע וואָס איך האָב פערלאָרען? דו ווייסט זעהר גוט,
ווען שעהנהייט איז געשטאַרבען, האָבען דיא זעלבע פריינדע מיינע, וועלכע
אַמאָל האָבען מיך געמאַכט פאַר אַ סטאַר, מיך פערלאַסען, מיך פעראַכטעט.
נאָך האָב איך דיך, און יעדעפרוי
ליעבט איהר יוגענד מיט יעדען יאהר אַלץ מעהר,
אין דיעזע טהירען, וויא אַלעס איז לוסטיג פרעהליך
וועלען מיר פיעללייכט איינעם געפינען, וועלכער קען אומקעהרען
דיין פריעדען — מיין גליקזעליגקייט.

יוגענד. דו זוכסט ליעבע?

יעדעפרוי. איך זוך... וואָס זוכט יעדעפרוי
וואָס ווייס נישט פון ליעבע? ווען וועמעס זוכען איז געווען אומזאָנסט?
רייכטהום זוך איך! ניין, יוגענד, דו דאַרפסט נישט שוידערען
און צוריקווייכען פון מיר. געדענקסטו ביי שעהנהייטס גראב
האָט מיר רייכטהום געזאָגט אַ קאַלטען לעבעוואָהל? ביז דאַן איז ער געווען

מיין שקלאַוו, מיין אייגענטהום, מיט ליב און זעעלע. יעצט, איך מיט דיר וועלען איהם צוריק געווינען.

יוגענד (ציטערט). ניין! ניין! אונזערע אַלע שמערצען האָט רייכ־טהום פערורזאַכט.

(וואַרהייט הינקט אַריין.)

וואַרהייט. וואָהלטהעטיגקייט! וואָהלטהעטיגקייט זוך איך!

יעדעפרוי. יוגענד, יוגענד! זעה!

דאָ איז ארמוטה, לאָמיר זיא פרעגען, און זעהן
ווער עס איז פריינדליכער, רייכטהום אָדער ארמוטה.
(צו וואַרהייט) אַלטע פרוי! זאָג אונז גיטיגסט פון דיין ערפאַהרונג:
וואָס איז דאָס וואַהרע גליק? וויא קען מען עס געפינען?

וואַרהייט. א פאַבעל! א מיראַזש, א דיכטער'ס טרוים,
דאָס פערשוואונדענע סובסטאַנץ פון א וואָהנזיניגענם פּלאַץ.
א פאַלשעס ליכט איז דאָס גליק, ווען מען זוכט עס
קען מען עס ניע ערגייכען, עס ווערט ניע געפאַנגען.
אַן ערשראָקענער געיאַגטער האַז. — יאָגענדיג נאָך דעם
ווערען פרויען אויסגעלאַסען, מענער ווערען בעסטיען,
דאָך דאָס גליק וועט זיכער קומען שנעל
צו דיא, וועלכע יאָגען זיך נישט שטאַרק דערנאָך.
איך זאָג דיר, וואָרן דיך, יעדעפרוי, יוגענד,
אויב דו זוכסט גליק, פאָלג וואַרהייט.
וואָהלטהעטיגקייט! וואָהלטהעטיגקייט זוך איך. (אַב)

יעדעפרוי. זיא בעט שטיצע,
דיא ארמע אונגליקליכע! און דאָך רעדט זיא פון גליק וויא פון איהרען א פריינד. און זיא איז ארם... אָה, לעבערליך!

יוגענד. ניין, יעדעפרוי, ביזטו דען זיכער אז דו האָסט רעכט? איהר געשריי איז געווען: וואָהלטהעטיגקייט זוך איך.

יעדעפרוי. איז עס נישט לעבערליך דאָס צו זוכען אויף דער לוסטיגער ווייסער שטראַסע, וויא דאָס איז גאַנץ אונבעקאַנט?

יוגענד. אבער איז דאָס געווען איינפאַך ארמוטה, וועלכע האָט גערעדט דיעזע וואונדערבאַרע ווערטער? (קוקט נאָך וואַרהייט.)
אָה! יעצט דערקען איך דאָס געשטאַלט,
האָסטו פערגעסען וויא מיט פיעלע יאָהרען צוריק
האָט זיא געוואָהנט אין דיין גאָרטען? ערָאינערסטו דיך
וויא זיא האָט דיך געוואָרנט, בעפאָר דו ביזט געגאַנגען זוכען ליעבע,
בעפאָר דיין געפעהרליכע רייזע האָט אָנגעפאַנגען? דאָס איז געווען וואַרהייט
וואָס האָט דאָ גערעדט. האָט יעדעפרוי פערגעסען וואַרהייט?

יעדעפרוי. וואַרהייט? איך קען נישט וואַרהייט.

יוגענד. אָבער ערָאינער דיך, עס איז געווען א צייט, ווען מיר האָבען זיך געוואָלט בעראַטהען מיט איהר.

יעדעפרוי. יאַ, יעצט ערָאינער איך מיך, דאָס איז די וועלכע

ניעמאנד האָט געליעבט, פערקריפּעלט, איינגעבויגען איז זיא געווען,
דאָך איהר געזיכט איז נישט גאַנץ העסליך.

יוגענד. איהר שטימע איז געווען זעהר זיס.

יעדעפּרוי. אבער נישט
אַזוי זיס וויא דיא שטימע פון שמייכעליי, געדענקסטו,
זיא איז פערשוואונדען ווען ער האָט גערעדט? יעצט איז ער שטום,
ער לאַכט נישט מעהר צו מיר, ערצעהלט מיר נישט מעהר
פון דעם קעניג, וועלכען איך זוך. יענע נאַכט, ווען שעהנהייט איז געשטאָרבען,
בין איך צו מיין שפּיעגעל געגאַנגען, וויא שמייכעליי פלעגט אַמאָל וואָהנען,
האָב איך געזעהן אַ געזיכט — נישט מיינס, נישט זיינס. אָה גאָט!
עס איז געווען שרעקליך! עס האָט מיך פּעררוקט געמאַכט, אבער יעצט
פערשטעה איך, ווארהייט האָב איך געזעהן. ווארהייט פערפאָלגט מיך, לאַכט
פון מיר, לויערט אין מיין שפּיעגעל, קומט אונגעלאַדען, יעצט קומט זיא אין
פערקליידונג פון ארמוטה.
אָה, יוגענד! זיסע יוגענד, בעהאַלט מיך פון ווארהייט,
איך וואָג נישט איהר געזיכט צו זעהן. (בעהאַלט איהר געזיכט אין יוגענד׳ס
שאַלל.)

(מען הערט זינגען אין קאַפע. ביידע האָרכען.)

(אין קאַפע־הויז.)

זינגט אַ פרעהליך ליעד צו ווענוס,
טהוט איהר אָן אַ קלייד פון וויינבלעטער,
קלינגט דיא גלעזער, קושט דיא געטער —
ליעבע איז פון וויין געבוירען.

(מען הערט גלאָקען קלינגען. צייט האַלט אַ דאָלך אין האַנד, בלייבט
פון ווייטען.)

יעדעפּרוי. רייכטהום איז דאָרט. האָסטו נישט ערקענט
זיין שטימע, אין מיטען דעם ליארם?

יוגענד. אָה, יעדעפּרוי, הער מיך אויס.
לאָמיר בעסער געהן בעטען גאָט, עס קומט אַ ניי יאהר.
לאָמיר זוכען ווארהייט. (וויל זיא אַוועקפיהרען.)

יעדעפּרוי. ניין, איך מוז צוריק געווינען רייכטהום.

יוגענד. און וואָס איז וועגען ליעבע?

יעדעפּרוי. נו, וואָס? האָרך! (מען זינגט ווידער אין קאַפע.)

גיעס מיר אָן אַ גלאָז צו ווענוס,
דיען צו איהם וויא צו אַ גאָט,
הייסע קושען מיט׳ן וויין אויסמישען,
נעם אַלעס וואָס דיא ליעבע האָט.

יוגענד. יעדעפרוי, קום בעסער אוועק.

יעדעפרוי. לאז מיך! דו, יוגענד, אויף וועמענס הילפע איך האב מיך פערלאזט. דו ווילסט מיך אויך פערלאסען? גוט! מיך קימערט נישט. געה! אויב דו ווילסט, געה בעטען גאט, איך ברויך דיך נישט.

יוגענד. אה, יעדעפרוי.

יעדעפרוי. איך זאג דיר, געה!

דו ביזט אן עלענדעס געשעפף קיין פאסענדע געזעלשאפט ביזטו פאר אזעלכע וויא איך.

יוגענד. אבער דו ליעבסט מיך?

יעדעפרוי (בעז). נייז, דו ביזט עס געוועז,

וועלכע האסט יעדעפרוי צום ערשטען פערפיהרט. דו ביזט עס געוועז

וועלכע האסט געזאגט אז ליעבע וואס זיא זוכט קען מען לייכט

געפינען אין דיא טהעאטערע פון דיא גרויסע שטעדט.

דו, יוגענד, אויף דיין ראטה האב איך געדענקט

אויף ליידענשאפט אז דאס איז ליעבע, און האב פערלארען מיין אונשולד,

ווארום, דו פאלשע יוגענד, האסטו דיך לוסטיג געשפיעלט מיט דעם גרויען

אלטער וועהרענד שעהנהייט איז געלעגען אויף'ן טויטען בעט?

דו פערדעטהעריו! דו היפאקריט! געה! געה! עס איז צייט! (געהט צום קאפע.)

יוגענד (דערזעהט צייט, ציטערט). הא!

האסט רעכט, עס איז צייט, דער שיקיונגע, וועלכער קומט נאך דער זעעלע.

ער קומט אונז ווארנען, מיר זאלען זיך פארבערייטען צו דער לעצטער סצענע.

נון, גוט, איך בין פערטיג. אבער, צייט, ווארט נאך איין ווייל

ביז איך וועל נאך אמאל אריינגעהן אין דעם הייליגען טעמפעל

וויא וואהלטהעטיגקייט, גאט'ס געזאנדעטער און אמבאסאדאר

אין זיינע געבעטעס-קליידער, שענקט פאלשטענדיגע

פרייהייט צו יוגענד און אלטער גלייך.

יעדעפרוי, דו טרייבסט מיך פון דאנען, לעב וואהל!

(צייט געהט לאנגזאם אב, ווינקט צו יוגענד, וועלכע געהט איהם נאך.ביידע אב.)

(רייכטהום קומט ארוים פון קאפע, פעררויכט א סיגאר.)

יעדעפרוי. עס איז רייכטהום. יעצט זאל פערשטאנד מיר זיין א וועג-ווייזער. דיא דומהייטען פון יוגענד וועלען מיך מעהר נישט צוריקהאלטען, איך וועל דא שטעהן ביי דער זייט און איהם בעגעגנען, עס וועט אויסזעהן וויא צופעלליג. (אב רעכטס.)

(א רעגען פון קאנפעטי בעדעקט רייכטהום. פרויען-געלעכטער בעגריסט איהם.)

(פיעלע באנדיטען און וואגאבונדען קומען פון אלע זייטען, בעגריסען דאס נייע יאהר פרעהליך מיט אידיאטישע האנדלונגען. זיי שטעלען



האָסט רעכט, עס איז צייט, דער שיק־יונג, וועלכער קומט נאָך דער זעעלע.

זיך פוןביידע זייטען טהיר, מאכען א וועג. פון טהיר קומען ארויס האבזוכט, זעלבסט, אייטעלקייט, ליידענשאפט און אנדערע מילבען און פאראזיטען

פרויען ווארפען קאנפעטי אויף רייכטהום,ווארפען קאלירטע פאפיער־בענדער. אלע זינגען.)

קאהר:

גליק צום ניי־יאהר, גליק צום ניי־יאהר,
צו דעם מולטי־מולמי, מולטי־מולטי מיליאנער,
דיענט נאר צו געלד, דאס איז דיא וועלט,
גליק און געלד זענען דאך ביידע איין פאאר.
א גליקליך ניי־יאהר, א גליקליך ניי־יאהר,
פאר דעם מולטי־מולטי, מולטי־מולטי מיליאנער!
יעדער וואס האט
נאר געלד פאר זיין גאט
איז זיכער מיט א גליקליך ניי־יאהר.

ליידענשאפט:

איך זינג א לויב צו געלד
צו ליידענשאפט'ס בעשיצער,
דער קעניג פון א יעדען מאן
און יעדעפרוי'ס בעזיצער.
נאר ער רעגיערט דיא וועלט.
דיענען מוז מען צו איהם נאר,
וויל ווער איהם דיענט
דער נאר געווינט
א גוט און פרעהליך יאהר.

כאהר:

גליק צום נייעם יאהר א. ז. וו.

ליידענשאפט:

נאר רייכטהום גיט אונז פרייד,
און רייכטהום פילט די גלעזער,
פון וואסער מאכט ער גאר וויין.
דאן לאמיר צו איהם טרינקען,
ער מאכט פערגעסען לייד,
עס קומט קיין טאג קיין בעזער.
דאן לויבט און זינגט
צו געלד וואס ברינגט
א גוט און א פרעהליך יאהר!

רייכטהום. יעצט געהט! דאָס פעסט איז פאַראיבער, ווער וויל רופען מיין קאַרעטע?

אידיאָטען און וואַגאַבונדען. איך! איך! איך! איך! (אַלע אַב שנעל.)

רייכטהום. רייכטהום בעפעהלט און אַלע געהאָרכען. (צו פרויען) וועלכע פון אייך וויל פאָהרען מיט מיר?

פרויען. איך! איך! איך! איך!

רייכטהום. דענקט איהר אז רייכטהום וועט אַנפּאַקען זיין קאַרעטע וויא אַ טראַמוועי? געהט! בעגלייטער וואַרטען אויף אייך דאָרט דרינען, רייכטהום האָט זיך שוין מיט אַלעמען אָבגערעכענט, קיין זאַך איז נישט געבליעבען אונבעצאָהלט. יעצט געהט!

פרויען און מעדכען (געהען אב). אַ גליקליכעס ניי יאהר! אַ גליקליכעס ניי יאהר! (אַלע אָב אין קאָפּע.)

(יעדעפרוי קומט וויא פערטראַכט.)

רייכטהום. אַ פרוי, יעצט אַליין, אַ גוטע געלעגענהייט פיר רייכטהום צו האָבען אַ ביסעל שפּאַס. (פערהאַלט זיא, נעהמט אַראָב זיין הוט) גוטען אבענד, פריילין!

יעדעפרוי. מיין הערר! (וויא בעליידיגט, בעטראַכט איהם, געהט נאכהער צו) אַה! וויא געהט עס דיר? עס פרעהט מיך ווירקליך דיך נאָך אַמאָל צו בעגריסען.

רייכטהום. דו קענסט מיך?

יעדעפרוי. איך קען דיך זעהר גוט. האָסטו שוין אזוי שנעל פערגעסען?

רייכטהום. הא! ניין, ניין. דו ביזט יעדעפרוי.
מיין גאָט! וויא דו האָסט דיך פערענדערט! דיינע באַקען זענען בלאַס און איינגעשרומפּען, אין דיינע אויגען איז מעהר נישטאָ קיין פייער, דו האָסט נישט מעהר דיין רונדע גראַציעזע פיגור. און דיינע קליידער — איך פערשטעה, דו ווילסט בעטלען ביי מיר, ליידער האָסטו אויסגעוועהלט אַ זעהר נישט פּאַסענדע צייט, אַנדערע האָבען שוין היינט מיין טאַש אויסגעלעדיגט, געה ווייטער, געה!

יעדעפרוי. און וואָס איז וועגען דיא קעניגליכע געשענקע, ליעבע'ס פערשפּרעכונגען? אַ פּאַלאַסט אין מיטען שטאָדט, אַ לוסט־שיף...

רייכטהום. פוה! פוה!

יעדעפרוי. און ציערונג צו פערשעהמען אַן אָריענטאַלישען פּרינץ...

רייכטהום. גענוג! גענוג! איך קען דיך נישט. אָה! ווער קומט דאָ? אַ פרוי, און אַליין. מעהר פּאַסענדער שפּאַס פאַר רייכטהום.

זינד ערשיינט.

(רייכטהום נעהמט אַראָב זיין הוט) גוטען אבענד, פריילין!

זינד. מיין הערר! (וויא בעליידיגט. בעטראַכט איהם, געהט דאַן צו) אָה, וויא געהט עס דיר? עס פרעהט מיך ווירקליך דיך נאָך אַמאָל צו בעגריסען.

רייכטהום. דו קענסט מיך?

זינד. איך קען דיך זעהר גוט, האסט שוין אזוי שנעל פערגעסען?

רייכטהום. דו פאלשע קאץ! איך האב דיך נאך ניעמאלס געזעהן. אבער דאך, דיינע באקען זענען פעט און רויט, דיינע אויגען שיינען מיט א רייצענדען פלאם. דיין פיגור איז גראציעז. ווילסטו פאהרען מיט מיר?

(אב געארעמט מיט זינד.)

יעדעפרוי. איך בין אליין, א פערשטויסענע, אונשולד פערלארען,
מיין שעהנהייט טויט. און יוגענד,
מיין יוגענד! זיסע יוגענד! דער גרויזאמער צייט
האט זיא ערמארדעט.
וואהלטהעטיגקייט זינגט. און געוויסען זינגט מיט דאס טוידטען-געבעט.

לייכענמארש

וואהלטהעטיגקייט. נון, זעהט! צייט שניידט אראב — גראדע וויא דער בויער. מיט זיין קאסע שניידט ער — דיא שעהנע בלומע אויף דעם פעלד.

געוויסען. זינג העי, זינג הא, אה מאמע!

וואהלטהעטיגקייט. דיא ליליענקנאספע שפראצט פרעהליך שטאלץ אויף איהר שעהנהייט. דאן קומט די נאכט און בעדעקט זיא מיט איהר שווארצען שלייער.

געוויסען. זינג העי! זינג הא! פאר דער דאמע!

וואהלטהעטיגקייט. מארשירט אריין, רעכטשאפענהייט פאלגט וואהרהייט! אין דעם קעניג פון הימעל. דער שטארקער בויער פון מענשליכקייט וועט אייך זאממעלען פאר זיין שפייכלער.

געוויסען. זינג וויין, זינג וועה, פאר דער דאמע! (אב אין טעמפעל)

יעדעפרוי. מארשירט אריין, רעכטשאפענהייט פאלגט וואהרהייט, לײדער
הערט יעדעפרוי דיא שטימע פון וואהלטהעטיגקייט
נאר דאן, ווען יוגענד און שעהנהייט זענען פון איהר אוועק.
איז עס געווען א זינד צו זוכען ליעבע? אויב אזוי,
מעגען אויך דיא זינדער בעטען זייערע ריכטער אום פערגעבונג.
(קניעט אין שנעע) בארמהערציגער גאט! דו ביזט מעהר בארמהערציג
וויא דיא קורצזיכטיגע שטערבליכע מענשען. אורטהייל נישט יעדעפרוי
וויא דיא וועלט אורטהיילט זיא. — אזוי שטרענג, אזוי אונערהערט.
וועלכע קלוגהייט האט זיא געהאט אום זיא צו פיהרען?
יוגענד און שעהנהייט?
אנגענעהמע געזעלשאפט — אבער צערבראכען שוואך און איינגעבויגען
צו נארישע איינבילדונגען. אונשולד? דיא בעסטע פריינדין
פון יעדעפרוי, אבער פערשפאטעט פון יעדען מאן.
דאס זענען געווען איהרע ראטהגעבער. זאגאר זיי האבען זיא נישט געקענט
שיצען פון דער פאלשער צונג פון שמייכעליי, און אויב
זיא פאלט, אויב איין פאלשער טריט פיהרט אראב צום אבגרונד —
איהר יוגענד און שעהנהייט טויט. אה! ווער

מאַרשירט אַריין, רעכטשאַפענהייט פאָלגט קלאָהרהייט אין דעם קעניג פון הימעל.

וועט אויסשטרעקען א פריינדליכע האנד צו פיהרען זיא צוריק ?
גאָט פון בארמהערציגקייט ! אין דער גרויסער ברייטער וועלט
איז דען נישטאָ קיין האָפנונג פאַר אזוי איינע ? איך רוף
נאָך הילפע ! הילפע ! ווער וועט מיר אנטוואָרטען ?

(ניעמאַנד איז געקומען אונבעמערקט.)

ניעמאַנד. ניעמאַנד !

יעדעפרוי. ווער האָט גערעדט ? דיא שטימע ! זיא האָט מיך
געווארנט שוין לאַנג צוריק. רעד ! איך וויל הערען !

ניעמאַנד. יעדעפרוי, דיא צייט
איז געקומען צו דיר, ווען ניעמאנד איז דיין פריינד.
דו ליעבסט ניעמאַנדען. אויף ניעמאַנד'ס ברוסט
וועסטו לעגען דיין צוואועהטאָגטען קאָפּ, דיא זידענדע טרערען
מיט צערטליכקייט וועט ניעמאַנד אָבווישען. (וויל זיא אומאַרמען.)

יעדעפרוי (מיט שרעק). אָה, ניין, ניין ! בעריהר מיך נישט.
איך האָב דיך ! איך האָב ניעמאַנדען !
הילפע ! הילפע ! איז קיין הילפע דאָ ? קיין אנדערע הילפע פיר יעדעפרוי ?

(וואַרהייט הינקט אריין.)

וואַרהייט. וואָהלטהעטיגקייט ! וואָהלטהעטיגקייט !

יעדעפרוי. הא ! וואַרהייט ! דאָס איז וואַרהייט ! זיסע וואַרהייט.
יעצט קען איך דיך. ווילקאָמען ! ווילקאָמען ! (אומאַרמט זיא.)
אָה, זעה, וואַרהייט ! וויא שעהן דו ביזט !
איך וואָלט געווינשען אז יעדעפרוי זאָל האָבען דיינע געזיכטסציגע.
אויב איך רעד פאַלש, בעשטראָף מיך. וויא ? דו טראָגסט
נישט מעהר דיין בייטש ? דו דאַרפסט נישט מעהר דיין קול ?
גיב איהם מיר. איך בין יעצט א קריפעל, געפאַלען אויפ'ן וועג.
נעם מיין האַנד אין דיינע.

וואַרהייט (גיט איהר האַנד). ווילסט געהן מיט וואַרהייט ?

יעדעפרוי. יא, דאָס וויל איך.
פיר אימער אין וועג. (קושט וואַרהייטס האַנד. גלאָקען קלינגען)
וואָהלטהעטיגקייט ! וואָהלטהעטיגקייט פיר יעדעפרוי בעט איך.

(ביידע געהען צום טעמפעל, קאָהר זינגט אינווענינ.)

פאָרהאַנג.



וואהלטהעטיגקייט ! וואָהלטהעטיגקייט פיר יעדעפרוי !

פינפטעס געזאנג

זעלבע סצענע וויא אין ערשטען געזאנג. עס זעהט אבער אוים פער־נאכלעסיגט, פענסטער פערמאכט. דרויסען איז נאכט. שנעע פאלט. צימער פינסטער, עס זעהט זיך בלויז א שיין פון פייער וואס ברענט אין אויווען.

קעניג ליעבע ליעגט אויף א זאפא, שלאפט. איינפאך געקליידעט, א קרוין פון דערנער און ראזען געמישט ליעגט ביי זיינע פיס.
דער שפיעגעל איז צובראכען.

(קאהר זינגט דרויסען.)

(ניעמאנד ערשיינט.)

ניעמאנד. אין יעדעפרוים אמאליגע היים, וועלכע איז יעצט לעער,
פון וואנען שמייכעליי האט זיא געשיקט אויף א רייזע אזוי שווער,
און האט אנגעפילט איהר נארישען קאפ מיט פערפלוכטע אידעען;
וועהרענד זיא קעמפפט יעצט מיט דעם שטורם פון דער וועלט
ליעגט יעצט גאנץ רוהיג אין דעם ווארימען געצעלט
קעניג ליעבע דער ערשטער, וועלכען איהר קענט אלע זעהן.
ער ווארט גאנץ געדולדיג. געדולד איז ביי איהם זיס,
זיין דערנערנע קרוין ליעגט נעבען זיינע פיס,
און מיעד פערמאטערט פון וואכען בייטאג און ביינאכט,
און ווארטען ביז יעדעפרוי וועט צוריק אהיים קומען,
האט ער זיך דערוויל דאס ווארימע געלעגער גענומען.
ליעבע מעג אויך אמאל איינשלאפען, האט ער ביי זיך געטראכט.
יעצט בלייבט מיר שוין ווייניג וואס צו זאגען,
מיר האבען שוין דיא דראמא באלד אריבערגעטראגען,
איך וויל אייך נאר אויף איין זאך אויפמערקזאם מאכען,
מעג זיא צייט זאגאר בערויבען פון איהר יוגענד,
אויב יעדעפרוי וועט פאלגען ווארהייט און טוגענד,
וועט אויף איהר רוף זיכער ליעבע ערוואכען.

(יעדעפרוי געפיהרט פון ווארהייט, וועלכע האלט א לאטערנע.
ניעמאנד רעדט ווייטער)

דא קומט זיא, קוים וואס זיא נאך לעבט,
און צוריק צו געפינען איהר נעסט זיא שטרעבט,
און ווייסט ניט אז זיא ערווארטעט דא ליעבעס פרעהליכע געזיכט.
זיא קומט בלייכטעט פון ווארהייט'ס ליכט,
געפיהרט פון ווארהייט'ס מאכט,
יעצט מוז איך געהן. גוטע נאכט! גוטע נאכט!
זאל ניעמאנד צוריקוויכען, ענטלויפען פון ווארהייט'ס ליכט. (אב.)

זאָל ניעמאַנד צוריקוויכען, ענטלויפען פון וואַהרהייט׳ס ליכט!

(ווארהייט געהט נישט מעהר איינגעהויקערט, און טראָץ איהרע לומפּענקליידער איז איהר געזיכט שעהן. איהר לאַטערנע שיינט העל. יעדעפרוי איז גרוי, נישט מעהר שעהן, אבער רוהיג, טראָגט ווארהייט'ס קולעס.)

ווארהייט. יעדעפרוי, דורך דער פינסטערער נאַכט האָט דאָס ליכט פון ווארהייט דיך געפיהרט, שוואך און מיעד אבער דאָך מיט זיכערע שריט.

יעדעפרוי. ווארהייט! ווארהייט! דו האָסט דאָך מיך צוריקגעפיהרט אהיים!

ווארהייט. יא, דאַ זאָלסטו דיך יעצט איין ווענינ אויסרוהען. (פיהרט זיא צו אַ שטוהל.)

יעדעפרוי (זעצט זיך). דו וועסט מיך נישט פערלאַסען, ווארהייט? אָה, ניין, ניין! איך שרעק יעצט צו בלייבען אליין.

ווארהייט. ניין, אליין דארפסטו נישט מעהר בלייבען.
עס איז נישט מעהר וויא רעכט אז יעדעפרוי
זאָל קריעגען אַ מאַן, וועלכען ווארהייט וועהלט פאר איהר אויס.
יעצט רוה דיך אויס, דו גוטע זעעלע,
שרעק דיך נישט.
איך לאָז איבער מיין ליכט ביי דיר. (קושט זיא)
באַלד קום איך צוריק. (אב. שנעע בלאָזט אַריין ווען דיא טהיר עפענט זיך.)

יעדעפרוי. שרעקליך איז דער שטורם, אַרום יעדעפרוים הויז הערשט אַ שטורמוועטער. דאָך, ווארהייט, וועלכע ווייסט פון קיין שרעק געהט אַוועק אליין. אָה, ווארהייט, זיסע, נאָבלע ווארהייט,
בלייב נישט לאַנג אוועק פון מיר, אין קיין זאַך בין איך נישט אַזוי שטארק וויא אין מיין ליעבע צו דיר. ליעבע, וואונדערבארע ליעבע —

(ליעבע בעוועגט זיך)

וואָס איז דאָס?
מיר שיינט איך האָב געהערט ווען אויף מיינע ליפּען האָט זיך
דאָס וואָרט ליעבע אויפגעהאַלטען. עטוואָס בעוועגט זיך,
איך וואג נישט צו בלייבען אליין. ווארהייט! ווארט! איך געה מיט!
(געהט אַ שריט, בלייבט שטעהן) ניין!
איך געה נישט, ווארהייט לאַכט פון אַ פייגלינג.
איהר ליכט זאָל בעלייכטען יעדעפרוי'ס היים.
זיא וועט צוריק קומען, און דאַן וועל איך אין זיסער צופריעדענהייט
מיט ווארהייט אויף אימער און עוויג וואָהנען.

ליעבע (שטעהט אויף). ווער האָט גערעדט פון ליעבע און ווארהייט?

יעדעפרוי. מיין גאָט! אַ מאַן!

ליעבע (אַפּאַרט). זיא איז עס!
(לויט) שרעק דיך נישט! אַן איינפאַכער לייב־וועכטער בין איך, וועלכער איז פון מיעדקייט איינגעשלאָפען. און איך בעט דארום

אונטערטהעניגסט אום פערצייהונג. (פערנייגט זיך) זעהר שפעט שיינט מיר.
אָבער דאָך זיי מיר הערצליך און ערנסט
ווילקאָמען. ווילקאָמען, יעדעפרוי, אין דיין היים!

יעדעפרוי. ווער ביזטו? און וויא קומסטו אהער? דו ביזט אַ פרעמדער.

ליעבע. ניין, אָבוואָהל דו קענסט מיך נאָך נישט, ווען דו האָסט
געוואָהנט דאָ אין דיעזער היים דיינער, בין איך דיין נאַכבאַר געווען, ווען אַלזאָ
דו האָסט דיא היים פערלאָזט, ווער איז געווען מעהר פאַסענד
אום דאָ אויפצוהאַלטען דיא ברענענדע פונקען אין דיין קאַמין?
אום צו בעוואַכען דיין ווירטהשאַפט, און ערוואַרטען דיין צוריק קומען
אום דיך צו בעגריסען מיט אַ פריינדליכען ווילקאָמען?
קען דען ליעבע אויסמיידען דיעזע פפליכטען?

יעדעפרוי. ליעבע! ליעבע זאָגסטו? אַ נאַכבאַר? איך קען דיך נישט.
דאָס איז מיין היים. דו שטערסט מיר דאָ. געה בעסער פון דאַנען.

ליעבע (פערנייגט זיך). אנשטענדיגקייט פאָרדערט
אַז ליעבע זאָל יעדעפרוי געהאָרזאָם זיין. (געהט)

יעדעפרוי. און דאָך, דיא נאַכט איז קאַלט און פינסטער, איך בעט דיך
דענק נישט אַז יעדעפרוי איז אונגאַסטפריינדליך, אָבער דו זעהסט דאָך,
דו ביזט אַ מאַן, און יעדעפרוי וועלכע האָט געזעהן דיא וועלט טרויעט נישט
דיא מענער.

(וואַרהייט)

(צו וואַרהייט) אָה, זיי מיר ווילקאָמען, וואַרהייט. קום אַהער פרעמדער,
איך וויל דיך פאָרשטעלען פאַר וואַרהייט.

ליעבע (האַלט אויסגעשטרעקט זיינע ארמען) מוטער!

וואַרהייט. מיין זוהן, מיין טהייערער, געליעבטער זוהן. (אומאַרמט
ליעבע.)

יעדעפרוי (ערשטוינט). דיין זוהן! איך האָב נישט געוויסט.

וואַרהייט. ניין. עס איז אונמעגליך
פאַר יעדעפרוי ביז איהרע האָאר ווערען גרוי
צו וויסען אַז ליעבע איז געבאָרען פון וואַרהייט,
אַז וואַרהייט איז דיא מוטער פון ליעבע.

יעדעפרוי. דו ביזט אַלזאָ ליעבע!
ביזטו ווירקליך אַ קעניג? קעניג ליעבע דער ערשטער?
וויא איז דיין טהראָן?

ליעבע. אין דיין הערצען, יעדעפרוי.

יעדעפרוי. וויא איז דיין קעניגרייך?

ליעבע. אין יעדעפרוי'ס היים.

יעדעפרוי. וויא איז דיין קרוין?

ליעבע. ביי דיינע פיס.

יעדעפרוי (הייבט אויף די קרוין). זעה, דאָס איז דאָך נאָר אַ קראַנץ
פון דערנער און ראָזען!

ליעבע. איך וואָלט זיא זעהר גערן אָנגעטהאָן אויף דיין שטערן.
ווילסטו זיין מיין קעניגין? ווילסטו טהיילען אַ קרוין אין וועלכער

פריידען בעדעקען דיא לײדען, אָבער לײדען זענען פערבאָרגען,
מען זעהט זיי נישט, דאָך גאַנץ אָפט פיהלט מען זיי? אַזאַ קרוין,
איז דיא איינציגע, וועלכע ליעבע, געבאָרען פון ווארהייט, קען דיר שענקען.

ווארהייט. ליעבע, דו האָסט גוט געוואָרט
און געדולדיג. יעדעפרוי, דו מיט יוגענד און שעהנהייט
זענט געגאַנגען אויף אַ נאַררישער רייזע, דיינע לײדען האָבען
דיך געפיהרט צו ווארהייט, ווארהייט האָט דיך צוריקגעפיהרט
צו דיין היים און ליעבע. וואָס ווילסטו יעצט?

יעדעפרוי. ניין, ווארהייט, וואָס נאָך? וואָס נאָך קען יעדעפרוי
פערלאַנגען?
איך ווינש נאָר יעצט אַז איך זאָל זיין ווערטה, אַז איך זאָל פערדיענען...
אוים אייגענליעבע האָב איך אויפגעאָפּפערט
יוגענד, שעהנהייט, אונשולד, יעצט איז בלויז דיא פרוי געבליבען,
אַ שוואַכע און מיעדע פרויענזעעלע.

ליעבע. ווילסטו זיין מיין קעניגין?

יעדעפרוי. איך בין נישט ווערטה, ניין!
ניין, לאָז מיך ביי דיינע פים בלייבען, אָה, ליעבע!
וויא שטאַרק דו ביזט! דו ערהעבסט יעדעפרוי.

ליעבע. ווילסטו זיין—

יעדעפרוי. דיין טרייער אונטערטהאַן, דו וועסט זיין מיין קעניג.
אָה, ליעבע, וויא עדעל דו ביזט!
און וויא פעסט דו האַלסט מיך. ניין, עס מאַכט נישט, האַלט מיך,
וויל איך בין דיין, אין גאַנצען דיין! (ווילען זיך קושען)

(אונשולד קלאַפּט דרויסען.)

אונשולד. אַ נאַכטלעגער! אַ נאַכטלעגער זוך איך.

ווארהייט. אַ פערשפּעטיגטער רייזענדער קלאַפּט.

ליעבע. מיר ווילען דאָ זיין אַליין.

ווארהייט. מיין זוהן, דער שנעע פאַלט שטאַרק. דיא נאַכט איז קאַלט.
יעדעפרוי, וואָס זאָגסטו?

יעדעפרוי. איך האָב ליעבע, איך האָב ווארהייט. פון יעצט אָן, יעדער
וואָס וועט קלאַפּען אין מיין טהיר,
וועט זיא געפינען אָפען, אָפען פאַר גליק און זעגען. הערייין!

(ווארהייט עפענט דיא טהיר. אונשולד קומט אַריין.
יעדעפרוי לויפט צו איהר.)

אונשולד! אָה, גאָט זיי דאַנק, דו ביזט צוריק געקומען צו מיר.

(אומאַרמט זיא.)

אונשולד. איך בין ענטלאָפען, זיי האָבען מיך געבונדען, מיך
געמאַרטערט. זיי האָבען געוואָלט ערמאָרדען דיין אונשולד.

יעדעפרוי. יא, יא, אָבער אין מיין הערצען האָב איך געוויסט
גאַנץ גוט אַז דו וועסט צוריק קומען צו מיר ווען ליעבע,
וואהרע ליעבע וועט געפינען ווערען.

װאַרהײט. ליעבע, מײן זוהן, מיט מיר װעסטו בלײבען
ביז מאָרגען פריה, יעדעפרוי, אין דעם טעמפּעל
װיא דורך װאָהלטהעטיגקײט װערען זינד און דומהײטען פערגעבען, דאָרט
װעל איך דיך ערװאַרטען מיט ליעבע, דאָרט װעט ליעבע
דער ערשטער, דײן קעניג, דיך קרעהנען, יעדעפרוי זײן קעניגין,
קום ליעבע! (האַלט אוים דיא הענד.)

אונשולד (האַלט אוים דיא הענד). יעדעפרוי, קום!

יעדעפרוי(קושט ליעבע). ביז מאָרגען!

ליעבע (קושט זיא). ביז עס װעט װערען טאָג.

יעדע פרוי—ליעבע. גאָט זאָל דיך שיצען.

(יעדעפרוי געהט אויף דיא שטיעגען מיט אונשולד. ליעבע געהט צו דער טהיר מיט װאַרהײט. אלע אב.)

(ניעמאַנד)

ניעמאַנד. דיא דראַמאַ איז געענדיגט מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט,
און איך קום אײך צו זאָגען אַלע גוטע נאַכט.
נאָר איך בעט אײך האָט נאָר אויף אײן מינוט געדולד,
זײט בּאַרעמהערציג, זײט גערעכט, זײט ליבעראַל
צו יעדעפרוי, צו יעדער צײט און איבעראַל.
איהרע פעהלערען זענען פיעל, ניעמאַנד איז דאַראַן שולד.

פאָרהאַנג.

גאָטט זאָל דיך שיצען!

זייט באַרמהערציג, זייט גערעכט, זייט ליבעראַל.
צו יעדעפרוי, צו יעדער צייט און איבעראַל.
איהרע פעהלערן זיינען פיעל, ניעמאַנד איז דאַראַן שולד.

MAX R. WILNER

PRESENTS

EVERYWOMAN

IN HER QUEST OF LOVE

[IN] YIDDISH

in 5 Canticles



Be merciful, be just, be fair
To Everywoman, everywhere.
Her faults are many, Nobody's the blame.

By WALTER BROWNE

Translated by HENRY M. GASTWIRTH

Music Under the Direction of J. BRODIE

By Permission of Henry W. Savage

Produced at the David Kessler 2nd Ave. Theatre

By DAVID KESSLER

1911

LIPSHITZ PRESS, 49-51 LAFAYETTE STREET, NEW YORK.